STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11500

TSVISHN TOV UN ALEF

Isaiah Spiegel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיהו שפּיגל / צווישן תּ̇ווו און אַלף

Spiegel, Isaiah, 1906-
Tsvishn tav un alef.

ישעיהו שפּיגל

צווישן תָּוו און אַלף

געזאַמלטע לידער

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
תל־אביב, תשל״ח — 1978

837.091
י

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
קרן תל־אָביב לספרות ולאמנות,
אליעזר פּינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור
און יידישע אינסטיטוציעס אין אויסלאַנד

Yeshayahu Spiegel

SELECTED POEMS

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

ישעיהו שפּיגל

צווישן תָּוו און אַלף

געזאַמלטע לידער

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב, רח' איתמר בן אבי 4

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1978 נדפס בישׂראל

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, רח' המסגר 60, טל. 36564

שאַרלאָטען

MAY 22 1970

די געזאַמלטע לידער אין דאָזיקן בוך נעמען אַרום אַ תקופה פון 55 יאָר — פון 1921 ביז 1976. זיי זענען געסדרט מט דרײַ שערים — לויט דער צײַט פון זייער אַנטשטיין. דער לידער־פּינוס איז נישט בלויז דער יסוד פונעם שאַפערס אינדיווידועלער ביאָגראַפיע, נײַערט אויך די טראַגיש־העראָישע ביאָגראַפיע פון אַ דור מיט זײַנע נסיונות, ראַנגלענישן און חלומות. צווישן די דרײַ זשאַנערן: פּראָזע, עסיי, ליד — איז דאָס ליד געווען מײַן ערשטע יונגע ליבשאַפט. כ'האָב דעריבער עס אויך אויפגעזאַמלט מיט טרײַשאַפט אין דאָזיקן בוך, כּדי צו מאַכן פולער די שאַפעריש־ביאָגראַפישע ראַם — סײַ מיט עכאָס פון דער ערשטער ליבשאַפט און סײַ פאַר דער שלימותדיקער ראַם פון מײַן פוללדיק שאַפן — צווישן תָּוו און אַלף.

י. ש.

ש ע ר י ם :

נײַע לידער

✶

און געוואָרן איז ליכט

✶

מיטן פּנים צו דער זון

נײַע לידער

1976-1950

צום גרויסן שטערן־וואָגן

כ׳בין צוגעקומען

כ׳בין צוגעקומען
צו דײַן לעצטער שוועל:
אַ פעלדז.
ד׳אָ קלאָגט
אַן אַלטער שטורעם.
צווישן דאָרן
און פאַרשנייטן חלום —
לייג איך מײַן קאָפּ
אויף דײַן פאָטערלעכן אָרעם.

ווי שטיל
די רייד
פאַלן.
אַמאָל,
אַמאָל,
געשלוכצט אַזוי
האָט צו גאָט
מײַן מאַמע.
ווער ווייסט —
צי וועט אַ מאָל
די מאַמעשאַפט
נאָך ברענגען אונדז
צוזאַמען?

די קינדהייט־פייגל
זענען אַלע טויט שוין.

די הוילע פּרוכנע־נעסטן
פון אַלטע ווערבעס
רוישן מיט ניגונים.
אוי, ווי ביטער איז
דער סם־געפלאַנץ
פון אַלע פייגל־פידלען.
איך הער נאָך איצט
זייער זילבערדיקן פידל־צוויִטשער,
ווען פייגל אַנדערע
שוועבן שוין אין טאַנץ.

טאַנץ דו אויך מיט
אין כּישוף־קרײַז
פון שטאַרבן.
גיי אַרויס פון שטוב
מיט אַן אַלטן שטעקן.
קלײַב־אויף
די פעדערלעך
פון פייגל,
געפאַלענע בײַ נאַכט.
זיי וועלן ווידער פליִען
צו דײַן שויס —
און דיך אויף ס'נײַ
מיט פייגל־שירה וועקן.

לייג צוקאָפּנס דיר
דעם זיידנס סידור.
פאַרגילגול דײַנע רייד
אין טאַטנס תּנך.
גלייב:
ס'וועלן ווידער אויפגיין

זריעות פון די לידער —
פּסוקים הייליקע
פון אַן אַלטן שטורעם
און פון אונדזער פּראַכט.

אַזוי פיל וואַסערן

אַזוי פיל וואַסערן
פראָסטיקן
מיט ייִדן־אימה.
פון שמות
ברענען שׂרפות
אויף מײַן פּנים.

כ׳גיי אַרום
אָן זון,
אָן ווינט,
אָן שטערן.
קינדער־פּנימלעך
דערטרונקענע,
שווימען
אין מײַנע שוואַרצאַפּלען.

בלויז דו,
מײַן איינציקע,
מײַן פֿאַרשווּנדענע —
און נישט־פֿאַרשווּנדענע —
בלויז דו,
מײַן פֿאַרשטאָרבענע
און נישט־פֿאַרשטאָרבענע,
גייסט אַרום
אין אַלע טיפֿקייטן
פון אָן־דנאָיִקן הימל.

וועסט שוין קיין מאָל נישט
זען מיך שטאַרבן.

כ׳בין שוין לאַנג
אַ טויטע שיימע.
ווי נאָענט דו ביסט
אין מײַן אַליינקייט.
לײַכטסט צו מיר
פון דנאָיִקן הימל
אין אַלע פינצטערנישן.
וואָרעם —
ביסט געוואָרן
גאָטס פאַרהוילענע שוואַרצאַפּלען
אין מײַן חלום.

דער שטערן־וואָגן

דער גרויסער שטערן־וואָגן —
הענגט פֿאַרגליווערט אין שפּיטאָל־פֿענצטער.
ער וויל זיך נישט אויסלעשן.
די ערד איז אַוודאי שטיין געבליבן.
זײַנע גרינע קײַלעכדיקע רעדער
און דער קרומער צעבראָכענער דישעל —
זענען אַלע גרייט פֿאַר מײַן געשפּענסטיקן פֿלי.

ווי לאַנג וועט זי וואַרטן
אין שפּיטאָל־פֿענצטער,
די הימלישע גרינע קאַרעטע —
מיך מיטצונעמען
מיטן גרויסן שטערן־וואָגן?

כ׳בין אַ שלאָפֿלאָז מלכות
פֿון ווײַסע ווענט
און וויינענדיקע אותיות.
אין נאַכט־קאָרידאָרן —
קראַנקע שאָטנס שאָרכן תּהלים.
בלאָע קיטלען
מיט צוגעהאָנגענע פֿליגל
פֿון מלאך רפֿאל —
טרייסטן מאַמעדיק מײַנע שלאָפֿלאָזע ווײַעס.

ס׳וועט שוין קיין מאָל נישט ווערן טאָג.
אין שפּיטאָל־פֿענצטער —
דער שטערן־וואָגן וואַרט.
די קאַרעטע — אײַנגעשפּאַנט.
כ׳גיי צו דיר אַ באָרוועסער,

מיט אונטערגעשניטענע פּיספּליגל,
אייביקער קוטשער פון דער שטערן־קאַרעטע.

פּיר מיך ווו דו ווילסט,
נאָר באַפרײַ מיך פון שלאָפלאָזן מלכות.
גיב מיר צוריק
דעם שווערסטן עול פון מײַן ערדישן חלום.

די פליגלוואָג

זיי וועגן מיך יעדן טאָג אויפֿן בעט —
און איך ווער ייִנגער
און גרינגער
צו גאָט.

צוויי פליגל פון דער וואָג
הייבן מיך פון ביידע זײַטן:
הענט פירן מיך ווידער
צו דער חופה.

אַ קאַפּעליע כּלי־זמרים
מיט שאַגאַלישע פּנימער
אויף די פידלען.
דערנאָך — פאַל איך אַראָפּ
פּאַוואָליע,
פּאַוואָליע
פון די צוויי פליגל.

מײַן רעכטער פוס
צעקלאַפּט דאָס חופה־גלאָז
אויפֿן דיל.
אַ ווײַסע פּרויִענהאַנט
טראָגט מײַן גילדענעם רינג
פון לעבן.

איצט נאָך אַ קוש —
דער לעצטער קוש פון ליבשאַפט,
פון טויט

און פון גאָט.
די פליגלוואָג
פלאַטערט שוין אַוועק
צום גרויסן שטערן־וואָגן.

טל פון טרערן

די טיר צו די קראַנקע איז אָפן —
מען ברענגט בלומען — און טרערן;
די בלומען, אוי, ווי גיך זיי וויאַנען,
קיין מאָל נישט דער טל פון טרערן.

אין קרישטאָליקע קרוגן
פאַלן די וויאַנענדיקע בלומען;
אין ווייכערס פון תּפילהדיקן האַרץ
פראָסטיקט דער טל פון די טרערן.

ביי נאַכט טייַען־אויף אַלע קרוגן
מיטן טל פון די טרערן;
די בלומען — אוי, ווי גיך זיי וויאַנען,
קיין מאָל נישט דער טל פון טרערן.

אַ וואָרט

אַ וואָרט —
אַ קליינטשיק גליווערעמל —
ליכטיקט פֿאַרהוילן
אין מײַן פֿינצטערניש.
אַ גאַרטל פֿון שטאָל
בײַ די שלייפֿן —
ביז דאָס וואָרט וועט רײַסן.

די הימלען
זענען מידער פֿון דער ערד.
כ׳האָב אַזוי מורא
צו פֿליסטערן
די מינדסטע שורה
צו דיר —
זי זאָל נישט פֿאַרשעמען
מײַן עצבֿות.

כ׳נעם אַראָפּ דעם שטאָלענעם גאַרטל
פֿון די שלייפֿן
און בלײַב בדידותדיק פֿאַרשוויגן.
זע,
שוין ליכטיקט דאָס גליווערעמל —
דאָס וואָרט —
פֿון מײַן פֿינצטערניש
אַרויף צום גרויסן שטערן־וואָגן.

דנאָען

ביז די טיפסטע דנאָען,
אַרויף פון שוואַרצסטע דנאָען —
ביז צום דנאָ פון דנאָען
רופן אַלע דנאָען.

אַלע אויגן גראָען
פון די בלויע דנאָען;
און אין קרייַז די קראָען
רופן פון די דנאָען.

אויבן, אונטן — דנאָען,
גרונטן — אַלע דנאָען;
פון די הימלען בלאָען
דנאָען, דנאָען, דנאָען.

דו אויך, אַלע שעהען,
קרייַזסט פון דנאָ צו דנאָען;
באַלד ווערסט אויך אַ דנאָ —
דער דנאָ פון אַלע דנאָען.

גראָז

דאָס פּיצל ברויט ביסט דו,
דער טראָפּן וואַסער אויך;
דער ווינט דאָס ביסט דו,
דאָס בלויע פּייַער אויך.

דאָס מילדע גראָז ביסט דו,
זייַן סאַמעט־שאָטן אויך;
דער גרינער בליץ ביסט דו,
זייַן שטיל שטאַרבן אויך.

נאָר איך, וואָס בין איך?
כ׳ווייס נאָך אַלץ נישט וואָס.
אפשר דער סאַמעט־שאָטן,
ס׳געוויין פון קראַנקן גראָז?

איך טרינק, אוי ווי, איך טרינק
די קליינע טרער פון נויט
און הער אין ווייצנזאַנג
ס׳גייט־אויף מייַן טרויערברויט.

ס׳איז אַלץ אַזוי מיר נאָענט
און אַלץ אַזוי מיר ווייַט:
מיך יאָגט אַ כּישוף־שליטן
מיט חלום און מיט צייַט.

ער יאָגט מיך אינעם תּהום,
פאַרזיגלט מיך מיט פראָסט;
אוי, פידעלע, נישט וויין,
באַוויין מיך נישט אין גראָז.

דרײַ

דרײַ זענען זיי אַרײַן —
אַרויס איז בלויז איינער.
דאָס בין איך —
ווידער הענגט אויף מיר
דער גוף —
אַ פּאַנצער פון שפּינוועב.
יעדע קראַנקע מילב
און יעדע שיינע זילב
ווונדיקט מײַן פּאַנצער.

כ׳וואַרט
אין אַ ליידיקער קרעטשמע
אויפן לעצטן שלאָף.
אין דרויסן — וואויען שוין נישט
די וועלף.
אַלע מעסערס,
געוואָרפענע צו מיר,
זענען געבליבן הענגען אין חלל.
אוי, ווי וואָלט איך איצט
געוואָלט זײַן
גאָטס אַ מוראַשקע —
איידער ס׳גיט אַ שניט דער בליץ
און צעוואַרפט די לעצטע זילבער־שורה.

זײַ שטיל,
פאַרגעס די וועלף
און די חלפים.
נאָך אַ ווײַל —
אויף דו וועסט הערן

די שענסטע תּפילה
אין דער פינצטער —
אין יענעם טאָל,
ווו אַלע טרוקענע ביינער
זינגען צום גרויסן שטערן־וואָגן.

שטיל לעשן זיך

שטיל לעשן זיך
די ברענענדיקע גערטנער
אין שפּיטאָל־חלום.
כ׳האָב נישט גערופן דײַן נאָמען,
נישט געבעטן דײַן שאָטן,
ער זאָל בײַ מיר זיצן צוקאָפּנס —
ווען ס׳האָבן זיך געלאָשן
אין חלום
די ברענענדיקע שיינע גערטנער.

ביסט אַרײַן אַליין.
אויף דײַנע שפּיץ־פליגל.
אַרומגעפלאַטערט
ווי אַ גילדענע בין
און זיך געזעצט אויפן בעטראַנד.

דײַן ווײַס העמד האָט געגליט,
דײַן מויל האָט געציטערט
און דערציילט:
פון פאַרלאָשענע שנייען,
פון פאַרשטאַרבענע לאָנקעס.
פון פעלדער, וואָס וועלן נישט שטאַרבן
און פון אַשן, ווו ס׳בליט שוין רומיאַניק.

מיט דיר זענען אַרײַן
מײַנע ביידע תּהלים־זיידעס
און מיך געלערנט זינגען ווידוי.

האָב איך געזונגען צוזאַמען מיט זיי
אַלע שיינע לידער
פון דער טויטער היים
אונטערן גרויסן שטערן־וואָגן.

ביילינסאָן־שפּיטאָל, מאַרץ 1975

ווען אַלע טרויערן

ווען אַלע טרויערן
מײַנע
וועלן ווערן
ציַיטיק,
אַלע טרערן —
געפרוירן זאַלץ —
און
אַלע ווערטער
וועלן לײַכטן בלינד
און קאַלט —
ווייס איך:
כ׳בין אָנגעקומען
צום לעצטן
זינגענדיקן
בוים
אין וואַלד.

הינטער אים
איז יעדע פלאַנץ
אַ קליינער אָבלדיקער סנה.
בינטלער גראָזן
פאַלן כּורעים
צו אונדזער אויסגעלאָשענעם
גרויסן פלאַם.
טויטע פּירות
פאַלן
אויף דער ערד
אָן שאָטן

און תּבואה־פעלדער
ווערן פּרוכפּערדיק
פון אונדזער טרער.

אויף לעצטן בוים
זינגען שירה
אַלע יונגע בלעטער.
דאָס טרערן־זאַלץ
פאַרשווענקט
גאָטס גרינע לאָנקעס.
אַלע ווערטער מײַנע —
ווײַסער האָגל —
און בליצן זאָגן־אָן
די שטילקייט לעצט־באַשערטע.

גילדענע וועוויערקעס
וואַרטן שוין
אויף מײַן קומען.
צוזאַמען
וועלן מיר שפּאַלטן
גאָטס הוילע ניס
אויפן לעצטן בוים.
קאַלטע נאַכט־בלעטער
גרינען שוין
אַזוי ליכטיק,
אַזוי קרישטאָליק —
ביז צום הויכן
זינגענדיקן
שטערנוואָגן.

אַליינקייט

ווען
וועל איך אויפהייבן
דעם צעבראָכענעם קרוג,
דעם געפאַלענעם רעגן־בויגן,
דאָס בלייכע פּנים
פון קראַנקן קינד —
און זיי אַלעמען
אָנזאָגן
די בשׂורות
פון אונדזער גרויסקייט —
פון ווינט,
בליץ
און סודות פון רעגן?

יעטווידע טיר
פאַרריגלט
מײַנע אויסגעשטרעקטע
פינגער.
יעטווידע שוועל
וואַרפט
צו מיר
אַ חלף.

באַלד
וועל איך
אָנקומען צום סוף
פון לעצטער אַליינקייט.
אפשר
אויפהייבן די הענט

צום שווימענדיקן וואָלקן
און
בעטן רחמים ?
אפשר
אויסשטרעקן דעם האַלדז
צום פרעמדן,
אומבאַקאַנטן
שוואַרצן רײַטער —
ער זאָל גיכער
מיר עפענען
דעם לעצטן טויער ?

הינטערן לעצטן טויער
איז מער נישט פאַראַן :
נישט באַדויער,
נישט טרויער,
נישט וואָרט
און נישט ריגל —
נאָר איך
און דו
אין אונדזער אייביקער
אַליינקייט
פאַרזיגלט.

פֿאַרבלאָנדזשעט

כ׳בין אַרויסגעפֿאַלן
פֿון שטערנקרייַז,
פֿון ריטמישן מזלות־גאַנג.
כ׳ווייס נישט מער
דעם וועג
אַהיים.

כ׳צי אויס
די הענט
פֿון תּהום
צום הימל.
אפֿשר וועל איך
געפֿינען
אַ שטעגל,
אַ שפּראָצונג גרינס
צווישן פֿאַרגליווערטע
שטיין־ און אייַז־וועלטן.

זיי אַלע,
וואַרטן שוין
אויף מייַן חוט־השדרה —
אים צו פֿאַרגליווערן,
אים צו באַלזאַמירן,
כ׳זאָל זייַן
אין אייביקייט
אַ זינגענדיקער
טויטער
שמעטערלינג.

כ׳שוועב
צווישן טאָג און נאַכט.
כ׳לויף נאָך
דעם גרויסן שטערנוואָגן.
זײַנע רעדער
זינגען נאָך
פון זונפאַרגאַנג.
ווו איז דאָס פנים דײַנס,
אָ, דו,
וואָס פירסט דעם וואָגן?

ווי אַמאָל
בײַם גיין פון חדר
קליינערהייט
אַ פאַרבלאָנדזשעטער —
בעט איך
מיט טרערן:
גוטע מענטשן,
פירט מיך אַהיים,
אַהיים,
כ׳האָב פאַרגעסן
דעם וועג
צו טאַטע־מאַמע.

טריט פליסטערן

בײַ נאַכט.
טריט פליסטערן.
ווער ביסטו איצט?
צעבראָכענע טראַפּן
פון ייִדישן לשון.
זיי קומען
און מאָנען:
זײַ אונדז אַ בליץ,
אַ ליכטיקער זכות
פאַר טויטע ברושים.

ווי קאָן איך ווערן
אַ שימער פון בליץ,
אַז ס׳ליכט אין מיר
איז אויך פאַרלאָשן?
אַפילו דאָס גרין,
וואָס בליט אויפן דעמב,
באַוויינען אויך
די טויטע ברושים.

דער שטערן־וואָגן —
ווער ווייסט ווו ער פירט?
מסתּמא אַוודאי צום גוטן.
ווען איך וואָלט פאַרמאָגט
אַ טויעלע ליכט
וואָלט איך
אײַער צוואָה געהיטן.

נאָר איך בין ווי איר —
מיט נאַכט פאַרלאָשן,
אַ מידבר,
וואָס ווערט
מיינע טראַפּן נישט שיצן.
אַ פויגל, וואָס זינגט
מיט טראַפּן צו ברושים
פון כּרת,
פון נאַכט
און געשטאָרבענע בליצן.

פון אַלע שלאַכטן

פון אַלע שלאַכטן
וואָס שלאָגן
מיך
אין נעכט —
גיי איך
מיט דיר
דאָס ביטערסטע געפעכט.

דו ביסט,
מײַן אָרעם אות,
די שאַרפסטע שווערד,
די פאַרגליטע שפּיז,
אין אַלץ
וואָס שוין געווען
און אויך אין אַלץ
וואָס איז.

אין הימלדנאָ
איך פאַל
ווי נאָר דו הויכסט
אויף מיר
דײַן פײַערדיקן בלענד,
ווי נאָר איך זע
בלינדערהייט
דײַן שאָטן
אויף די הענט.

אַ מאָל,
ווען ס'וועט זיך

שטעלן
מייַן לעצטע נאַכט,
וועט בלויז
נצחון זייַן
מיט דיר
אין לעצטער שלאַכט.

ביז דעמאָלט —
פון אַלע שלאַכטן
וואָס שלאָגן
מיך
אין נעכט —
גיי איך
מיט דיר
דאָס ביטערסטע געפעכט.

פאַרזונקענע דורות

פאַרזונקענע דורות —
גראַניטשטיינער פון שוויַיגן —
ליגן
אויף די פלאַכע פנימער
פון וואַסערן
לעבן די טויט־דערטרונקענע.

אין די שפּיַיכלערס
ברענען נאָך די סטאָגעס בערד
ווי פריש געקאָסעט היי.
פון די דאַרפבריגעמער
לאַכן אַרויף
צו די שטערן
לבנה־פּנימער פון קינדער
אין זייער פאַרלאָשענער
ליכטיקייט.

וויי, ווי מיר זענען געבויגן
פון שטריק,
עקדות
און תּליות.

קוק אַראָפּ
אין די פאַרשימלטע ברינעמער:
דאָ דאַווענען נאָך די שאָטנס,
דאָ לאַכן נאָך די רעגן־בויגנס,
דאָ זינגען נאָך די שמעטערלינגען
צו די קינדערס פאַרטרערטע וויגס.

איצט איז שוין אַלץ
פֿאַרשטיינט,
פֿאַרמאָכיקט
אין די שטומע ברינעמער.
אין די קלויזן
שטייען פערד
ביַי לאַנגע קאָרעטעס.
אין דרויסן,
אויף די פֿעלדער פון מיזרח־הימל,
ברענט,
ברענט
דאָס לעצטע אות
פון שדי
און וויל נישט אויסגיין.

אויפֿן באַרג מוריה

פלאַמיק,
אַנגסטיק
שטייסטו נאָך
איבער מיר
מיט דײַן געלן טלית
אין הילצערנער קלויז.

כ׳בין געפֿאַנגען
פֿון דײַן אָטעם.
ער בעט:
ברויט,
אַ גוט מזל
פֿאַר מיר —
דײַן בכור.

דײַנע דאַוונענדיקע ווערטער —
גלײַכער שווערער האָגל
אויף מײַן יונגן קאָפּ.

פלאַמיק,
אַנגסטיק
צום פֿאָכענדיקן מלאך
זאָג איך
דורך טרערן:
אָמן.
אָמן.

אַז דו נעמסט אַוועק
דעם טלית פֿון מײַן קאָפּ,

זע איך:
דײַן האַנט
איז נאָך אויסגעשטרעקט
צו מײַן האַלדז
מיט אַברהמס חלף.

האָסט מיך אַװעקגעשאָנקען
צו אים,
צו זײַן פֿאַרהוילנקייט,
צו זײַן פֿאַרשװיגנקייט,
צו זײַן הויכקייט —
צו דער עקדה
פֿון גאַנצן אַלף־בית
אויפֿן באַרג מוריה.

דער טויער

דער טויער ווערט שמעלער און שמעלער.
כ׳וועל מוזן אַדורכגיין אין אים
נאַקעט,
אָן בגדים:
אַ פויגל פון אָוונט און דעמער
מיט פליגל פאַרברענטע פון זמר.

דער טויער ווערט שמעלער און שמעלער.
שוין זינגט
אין דער פינצטער
דער ריגל.
כ׳וועל מוזן אַדורכגיין
די שפּאַרעס,
מיט הענט
פאַרזונקען אין שלאָף,
מיט פּיס נישט שיכּור
פון וויַין —
נאָר פון דיַין אייביקן זיגל.

דער טויער ווערט שמעלער און שמעלער.
דער שומר —
ער רופט מיך
אַריבער.

נאָך איין־איינציק מאָל
טו אַ בליק:
אַ שוואַלב.
אַ טויב.
אַ שטראַל.

איידער
אויף יענער זײַט טויער
איך פֿאַל:
אַ פֿויגל פֿון אָוונט און דעמער
מיט פֿליגל פֿאַרברענטע פֿון זמר.

מעטאַמאָרפֿאָזע

כ׳ווער בײַ נאַכט —
דער אומרו פֿון אַ פּלאַנעץ
פֿאַרן שטאַרבן.
פֿאַר טאָג —
די געדולדיקייט פֿון אַ פּלאַנעץ
פֿאַרן געבוירן.

די בלוט־קײַקעלער
אין מיר —
פֿונקען־אותיות
קרײַזן מיט שׂרפֿות
צו די האַרץ־קאַמערן.

אין חלום
ווערט די האַנט אויפֿן פּאַפּיר
אַ קרומער פֿידל־סמיטשיק.

ער לויפֿט,
לויפֿט —
צום וואַלד
און פֿאַלט —
אַ פֿאַרוווּנדיקטע סאַרנע.

יעדער שטומער ניגון
ווערט אין מיר
אויפֿגעבונדן.
ער האָט געלויערט
אין חלום
מיט דעם אומרו פֿון אַ פּלאַנעץ

פֿאַרן שטאַרבן —
און
מיט דער גערולדיקייט
פֿון אַ פֿלאַנץ
פֿאַרן ליד־געבוירן.

הונגעריקע ליבשאַפּט

צווישן מיר און דיר —
שווימען
טויזנט פֿנימער
דורכזיכטיקער פֿון גלאָז:
אָן־אויגיק,
אָן־מויליק —
בלויז
ליכטיקע קרײַזן
פֿון צעבראָכן גלאָז.

ווי אַזוי
קאָן איך קושן דײַן מויל
דורך די גלאָזיקע פֿנימער,
וואָס שווימען
צווישן אונדז?

ס'איז גענוג בלויז
צו פֿליסטערן: דו —
און אַלע טויזנט פֿנימער
פֿון גלאָז
פֿאַרשווינדן
צווישן אונדז.

בלויז צוויי:
דו
איך
געוּנענען צו זיך
טויזנט־אויגיק,

טויזנט־מויליק
מיט הונגעריקער ליבשאַפּט.

צווישן מיר און דיר —
שווימען
טויזנט פּנימער
דורכזיכטיקער פון גלאָז.
מײַן מאַמע —
פון אוישוויץ,
דײַנע —
פון טרעבלינקע
צינדן
ביידע
שבת־ליכט
פאַר אונדזער הונגעריקער ליבשאַפּט
אין הייליקע,
מעשענע
לײַכטערלעך.

דײַנע הימלען

דײַנע הימלען —
גלײַקער פון בלוט.
דײַנע שטחים —
פאַרגאָסענע מיט אימה.
די ביימער
שמייכלען.
זיי שמייכלען צו מיר —
פונעם חלום.
וואָס ווילן די העק —
אין די הענט פון גזלנים ?
זיי ווילן קעפּן —
די שמייכלען פון די ביימער.
געבליבן איז בלויז דאָס עופעלע —
פון געפאַלענעם.
געבליבן איז בלויז —
דאָס ליידיקע זעקל פון תּפילין.

ווו איז דאָס אויג פון שדי ?

אין די גרינע שמייכלען
פון די ביימער ?

אין די הימלען
גלײַקער פון בלוט ?
אין די גרינע שטחים
פאַרגאָסענע מיט אימה ?

ער שמייכלט פֿאַרבאָרגן.
ער וויינט פֿאַרבאָרגן —
אין די הימלען
גלײַקער פֿון בלוט.

פשוטע ווערטער

פשוטע ווערטער —
זיפצן פון סידור.
פאַרגילגולטע פייגל
נאָך כישופן לידער.

הענט צעשפּרייטע
פאַנגען די פייגל.
פאָטער אַברהם
פירט צו עקדה — —

העלדזער געשטרעקט שוין
צום אַלטן חלף,
צום כתב פון די פייגל
פון תּוו ביז אַלף.

וויי און וויי אונדז
צו אַלע ווערטער —
אַזאַ איז די דאָליע
אַן אייביק־באַשערטע.

פשוטע ווערטער —
זיפצן פון סידור.
פאַרגילגולטע פייגל
נאָך כישופן לידער.

אות אין פײַער

נישט אויפגעגאַנגענע
אותיות
גליִען נאָך
אונטער צעזעגטע
וואַלדצווײַגן
אין פּוילישע וועלדער.
זיי טליִען נאָך
אין אַש,
גרייטע
צום גרויסן שײַטער־פײַער
פון ליד.

אַלע וואַרטן זיי
אויף גאָטס הויך,
ער זאָל זײַן הימלישן אָטעם
מיט בלאָען פײַער
אויפוועקן
די אותיות
אונטער די צעזעגטע
וואַלדצווײַגן.

וואָס וועט זײַן
מיט מײַן לעצטן פונק?

כ׳וועל אים מיטנעמען
מיט זיך —
דעם לעצטן
אויסגעגאַנגענעם
גלי.

וואַהין ?

צווישן שטערן,
שטיין
און גראָז.
מוראַשקעס
קליינע,
צעטומלטע
וועלן קומען זען
ווי ס׳ברענט נאָך
דער לעצטער גלי,
דאָס לעצטע אות
פון מײַן פאַרשטאָרבן פײַער.

אַ זעמדעלע

אין געדענקשאַפט פון יעקב גלאַטשטיין ז״ל
צו זײַן פינפטער יאָרצײַט.

פון אַלע פּײַעראַויוונס —
די צעפּאַלענע,
די צעשטויבטע —
אַ ציגל־זעמדעלע
רופט צו מיר
אַשיק־זילבערדיק
פון פּרוכנע.
אָט לאַכט עס,
אָט וויינט עס.
אַ זילבער־אויג
פּראָסטיק,
פאַרפרוירן —
אַ קליינע טרער
פון אַלע טרערן
די נישט־אויסגעוויינטע,
פון אַלע קוועלענישן
מיט ליכט געקריינטע.

איך אַליין
בין
דער בלינדער שומר
פונעם רויטן
ציגל־זעמדעלע
אין צעשטויבטער
פּרוכנע.

איך אַליין
בין
דאָס זילבערדיקע אויג,
וואָס מאָנט
דורך אַלע פֿינצטערנישן,
דורך אַלע שׂרפֿות
אין נישט־פֿאַרברענטן חלום.

אַלץ זעט
אין מיר.
אַלץ מאָנט
אין מיר —
פֿון אַלע פּײַעראַויוונס,
די צעפּאַלענע
די צעשטויבטע
ביזן לעצטן ציגל־זעמדעלע
אין פּרוכנע.
ביזן לעצטן דימענט־טרערעלע,
דעם נישט־אויסגעוויינטן
און
מיט אייביק ליכט
אַרומגעקריינטן.

שפּיטאָל־לידער

א. באַגינען

באַגינען.
אַלע קראַנקע
זיצן נאָך בײַם ברעג
פֿון אַ זומערדיקן טײַך.
זייערע פֿיס
זענען בלאַס,
נאַקעט,
שוים —
זייערע הענט —
זילבערנע וועסלעס
צום אָפּגרונט.

דער שלאָף —
אַ פּאַרמאַכטער, שוואַרצער וואַגאָן
איבער ווייכע
מאָכיקע רעלסן.
ער איז געלאָפֿן צום דנאָ,
צום געפֿאַנגענעם ליכט
פֿון צווייטן ברעג.

פּלוצעם —
אַ קוש.
אַ שטראַל בריט זיך אויס
אויף מײַן ליפּ.
דאָס ערשטע וויגליד
זינגט נאָך דאָס שענסטע
מאַמישע מויל.

און ער —
דער טאַטע —
ציילט מײַנע פינגערלעך:
איינס... פינעף... נײַן...
בלויז נײַן?
יאָ,
דאָס צענטע —
איז דער שטראַל אויפן בעט,
וואָס וועקט מיך
פון דנאָ —
אַ שטראַליקע וועסלע צום לעבן.

ב. אָוונט

צוויי געפּלעקטע קרוגן —
צוקאָפּנס.
די צעבראָכענע בלומען
ווילן נישט שטאַרבן.
אויך נישט —
דער שניי פון בעט,
אויך נישט —
דאָס ווײַס פון דילן.
די סטעליע —
אַ הימל מיט געקרייצטן מילכוועג
אַלע קראַנקע ריטער אײַנצושטילן.

פאַרן פענצטער —
דער בעזבוים ברענט
מיט ליבשאַפט,
און מיט שׂינאה.
שקיעה פון געזונט
און זילבן פון וואָרט,
ליד פון תּאווה
און חלומות.

וואָס חלומען איצט
די צעבראָכענע בלומען ?
וואָס זשומען איצט
די מידע פליגן ?
די שיינע קראַנקן־שוועסטער
איז געוואָרן אַ בין.
זי שוועבט
בײַ מײַן בעט.

די בין

זוכט האָניק
אין די געפלעקטע קרוגן,
אין די צעבראָכענע בלומען.
אַ שאָד זייער שטאַרבן,
אַ שאָד זייער טרער —
דער האָניק פאַרגליווערט אין בליטן.

איבער מײַן בעט —
זי שוועבט —
די שוועסטער, די בין —
מיט לעצטן קוש
פון דער ערד.
אירע שיינע פליגל
זענען אײַנגעשפאַנט
אין בעט.
זיי שוועבן מיט מײַן גוף
אַרויף,
אַרויף —
צום הוילן קופּאָל
פון גאָטס צעגאָסענעם מילכוועג.

ג. צום שלאָף

איידער דו קומסט
זענען מיר נאָך אַלע
שלאַפע, קליינע גראָזן
צעטרעטן
פון שאָף.
דער ווינט
דאַרף ערשט קומען
פון בלאָע בערג
מיט פליגלען,
פולע
מיט שלאָף.

דער טוי
דאַרף ערשט זינקען
אויף די ווימפערן.
דאָס מויל
דאַרף ווערן
אַ דאָרף־ברונעם,
געעפנט
מיט געבעט
צו די פאַלנדיקע שטערן.

ווען ביסט שוין דאָ —
קומען נעענטער די בערג.
זייערע שטיינער
זענען שוואַרץ
מיט שלעבטע בשׂורות.
דער ווינט
פאַרטרייַבט

דעם זינקענדיקן טוי.
מיר אַלע
זענען מער נישט קיין גראָזן,
צעטרעטן
פון שאָף.

וואָס בין איך
פאַר דיר
דעמאָלט ?
אַ צעקרישלטער קיזלשטיין,
פאַרדעקט מיט הימל.
זיסע ערד
געשיצט
פון הויכן הימלדיקן שאָטן.
דו אַליין
העלפסט מיר זוכן
דאָס קלענסטע
צעטראָטענע גרעזל
מיט פאַרטרערטע ווימפערן
אין שלאָף.

ד. נאַכט

אַ פּלעשעלע
מיט פּליסיקן, זילבערנעם הייל־טראָן
פֿאַר מײַנע ייִנגלשע טריבע אויגן
האָט אַ גאַנצע נאַכט
צו מיר געשמייכלט
אין חלום.

אַזאַ קליין טראָן־פּלעשעלע
איז אַמאָל,
אַמאָל,
געשטאַנען
אויף אונדזער קרומער קאָמאָד
אין דער היים —
מיט אַ לעפּעלע איבערגעקערט
ווי אַ האַלבער, געפֿאַלענער הימל.

הײַנט בײַ נאַכט
האָט די מאַמע מיר דערלאַנגט
אַ לעפּעלע טראָן,
אַ לעפּעלע הימל,
אַ לעפּעלע טרערן.

כ׳וויל מער נישט עפֿענען די אויגן:
זאָל דאָס פּלעשעלע טראָן,
די קרומע קאָמאָד,
די מאַמע בײַם בעט
צוריק אויפֿהייבן דעם הימל
וואָס איז געפֿאַלן.

ה. די שוואַרצע טיר

אונטן —
באַהאַלטן פאַר אַלע קראַנקע בליקן,
פאַרצוימט
מיטן גרינעם סוד פון עקאַליפּטוס
און פון יונגע בלאָנדיקע בושן —
שטייסטו אָפן, מײַן שוואַרצע, אײַזערנע טיר.
שטייסטו אָפן, מײַן שוואַרצע אײַזערנע טיר.

הינטער דיר —
הענגט מײַן קילע פאַרלאָשענע בריק —
דער ליידיקער סאַרקאָפאַג
צווישן דאָ און דאָרט.
אַ מאָל
וועט אויך
אַ פאַרשטיינטער פלאַם
פון טרערן און קושן
מיך פירן פון שלאָף,
אַראָפּ,
אַראָפּ —
צום גרינעם סוד פון עקאַליפּטוס.

אונטן —
דו וואַרטסט,
מײַן שוואַרצע, אײַזערנע טיר,
דו וואַכסט,
מײַן שוואַרצע, אײַזערנע טיר
לעבן עקאַליפּטוס.
בײַ נאַכט
איז אַוועק

צו זײַן גרױסן שאָטן
מײַן שכן.
זײַן גוף איז געוואָרן
אַ לױזע טראַטווע.
דאָס אײַזערנע בעטל —
אַ גלאָזיקער טײַך
צווישן יונגע בושן, וואָרצלען
און מאָכן.

כ׳בין געוואָרן
אַ פֿיש
און באַגלײט די טראַטווע.
מײַן שפּיטאָל־כאַלאַט
האָט געפּליסטערט
פּסוקים תּהלים
צו מײַן שטראַלנדיקן, טויטן חבר
לעבן גרינעם סוד פֿון עקאַליפּטוס —
הינטער דער שוואַרצער, אָפֿענער טיר,
הינטער דער שוואַרצער, אָפֿענער טיר.

ו. אָפּעראַציע־טיש

איך ליג געבונדן —
אַ פֿאַרשנייטער קאָרנסנאָפּ
אויפֿן ליידיקן ווינטערפֿעלד.
איבערן קאָפּ —
אַ נאַכטהימל
אָן שטערן.
דורך די נאָזלעכער
פֿליסט
מיט דינע רעגן־שטראַלן
דער זויערשטאָף —
צו באַפֿרוכפּערן
מיט ערדישער וואַרעמקייט
אַלע מײַנע בלוט־געפֿעסן —
די ליידיקע זאַנגען פֿון שירה.

כ׳בין גאָרנישט אויפֿן טיש.
ערגעץ ווו
זינגען זילבערנע בזשאָזעס
פֿון די קינדהייט־פֿעלדער.
זיי שלעפּערן מיך אײַן
מיט שקיעות גילדענע
און
מיטן זיסן זויערשטאָף
פֿון גאָטס אייביקן אָטעם.

כ׳זע קיינעם נישט.
בלויז
הענטשקעס
אויף פֿליִענדיקע הענט —

שאַרלאַך־רויטע
פון געפּליקטע מאַלינעס.
אוי, ווי גוט זענען די פינגער,
ווי זיס
מיט יונגער מאַלינע־זיסקייט
פון מײַן רויטער האַרץ־זשיוויצע.

כ׳שווים שוין אַוועק.
די צײַט —
אַ פאַרשנייטער אײַזבאַרג.
ער שמעלצט שוין
מיט אַלע טרויערן
און חלומות.
זיי פירן מיך שוין צוריק
צום ווײַסן סאַרקאָפאַג
פון יסורים
און לידער־זיפצן.

מײַן מאַמע
מיט איר הייליק פאַלדן־פּנים
שמייכלט
צווישן די בזשאָזעס.

פון די געקאַלכטע ליידיקע ווענט
נידערן די הימלען
אין געעפנטע בלאָע ווײַנבעכערס.
זיי טרינקען מיך אָן,
טראָפּן נאָך טראָפּן,
מיט שלאָפגעטראַנק
פונעם ערשטן קינדער־חלום.

איבער די זילבערנע בזשאָזעס
וואָגלט שוין
אַ יונגע מולד־לבנה.
די רויטע הענט
זענען זיי מחדש.
אַזוי הענגט זי אַ גאַנצע נאַכט
ביז
מײַן מאַמעס הענט
פירן מיך אַרויס פון בעט
צום גרויסן שטערנוואָגן.

ז. אַסטראַלע נסיעה

דאָ —
בײַ דער אַסטראַלער גרענעץ
צום אין־סוף —
בלײַבט קיין מאָל נישט שטיין
די לעצטע ערדישע מרכּבה —
די שוועבנדיקע שפּיטאָל־ווינדע.

צוויי גרינע כאַלאַטן
פון חברה קדישא —
פליגל פון פאַרשטאָרבענע אָדלערס —
פליִען אײַליק
אַראָפּ,
אַראָפּ
מיטן געכאַפּטן גוף
צום אַסטראַלן אין־סוף.

דאָ —
ווערן געפירט אונדזערע ביינער —
די פאַרוועלקטע חלומות,
די רויטע ליבשאַפטן,
די שוואַרצע צערן
און די צעבראָכענע שפּיגלען,
וואָס וויינען נישט מער.

צוויי בערד פון חברה קדישא —
אַסטראַלע קאָמעטן
מיט ווײַסע מילכוועגן —
פאַרפרירן

די ווײַסלען פון טאָג
אין נאָענטקייט פון אין־סוף.

דאָ —
זעט אונדז קיינער נישט,
אונטערן גרינעם אַסטראַלן צודעק.
דאָ —
לייגט קיינער נישט די האַנט
אויף אונדזער פאַרשלאָסן פּנים.
בלויז ער —
דער רואה
ואינו ניראה,
דער פאַרבאָרגענער,
דער פאַרשוויגענער
אין די אַסטראַלע טראַקטן.

פון דאַנען —
דער וועג צו אים.
די געקרײַזלטע בערד־קאָמעטן
ציטערן
פון אַסטראַלן טרויער
אין דער נסיעה.

אַ מאָל
וועט אויך אַזוי
זײַן געפאַנגען מײַן קאָפּ
פון אין־סוף
אונטערן גרינעם אַסטראַלן צודעק.
פאַרפרוירן
וועט דעמאָלט
הענגען

די לעצטע טרער אויף דער ווײַע —
ביז ס׳וועט זי אײַנזאַמלען
אין זײַן האַנט
דער רואה
ואינו נראה
אין מײַן לעצטער אַסטראַלער נסיעה.

זעגלען פון רחמים

הייליקע שפינערינס

ברענט,
ברענט
אין וועבער־קעלערן
דאָס טויטע שפינראָד.
וועבן, וועבן
די הייליקע שפינערינס —
מײַנע גראָע שוועסטערלעך —
דעם רויטן פאָדעם,
דעם רויטן פאָדעם
פון טויטער כּלהשאַפט.

שפּין, שפּין
כּישוף־רעדל:
דעם פּיאָלעטן וואָלקן
פון כּלהשאַפט,
די ווײַסע קרוין
פון חופּה־שלייער,
דאָס גילדענע שטערנטיכל
פון טרער און פײַער,
פון טרער און פײַער.

דער קעלער — פאַרשאָטן.
אין דרויסן שנייט.
די הרובע פלאַמט
פון כּלהשן קלייד.

שפּין, שפּין
כּישוף־רעדל:
דאָס ליד פון שפּינערינס,
די הייליקע שפּינערינס:
יעדער פאָדעם — אַ שלאַך,
יעדער וואָלקן — אַ דאַך,
יעדע טרער — אַ פײַער
פון כּלהשאַפט־שלייער.

איז דאָ נאָך אַ וווּנד
גרעסער פון חלום?
איז דאָ נאָך אַ וואָרט,
וואָס איז נישט דערמאָנונג?

וועבט, וועבט
הייליקע שפּינערינס,
הייליקע שפּינערינס,
דעם רויטן פאָדעם,
דעם רויטן פאָדעם
פון טויטער כּלהשאַפט.

פון אַלע הימלען

עוואַלען ז״ל

פון אַלע
הימלען
ביסטו
דער פאַרכטיקסטער,
דער שקיעהדיקסטער,
דער פאַרהוילנסטער.
דו פּאַלסט
אין מײַן שלאָף
מיטן ליכט
פון אונדזער פאַרשטאָרבנקייט.

ווי נאָר
כ׳עפן די אויגן —
פּאַלסטו צוריק
אין דנאָ
פון מײַן חלום.

ווי נאָר
כ׳שליס די אויגן —
וואַכסטו אויף ס׳נײַ
און פירסט מיך
צו טויטע פענצטער
פון אונדזער פּאַציאַטקע,
צו טונקעלע טויערן
פון געשטאָרבענע הײַזער,
צו בלייכע שמייכלען —
פנימלאָזע,
אָן־גופיקע

אויף יענער ערד,
וואָס ברענט און ברענט
אויף מײַנע הענט
און
קאָן נישט פאַרלאָשן ווערן.

איך בין אַ טויט פענצטער,
וואָס דערקענט נישט די זון.
איך בין אַ טונקל טויער,
וואָס האָט פאַרגעסן דאָס געוויין.

צווישן באַגין
און נאַכט
בין איך אַ פײַער־עיגול.
ער קרײַזט
פאַרשלאָסן אין געפּענקעניש
מיט ווונדער
און מיט ווונדן.
אַלע זיבן הימלען
וועקן מיך אויף ס׳נײַ
— בײַ יעדער אשמורה
כ׳זאָל זאָגן קדיש
— נאָך די טויטע פענצטער
און נאָך דיר.

זינגענדיקער טרויער

אַזוי פיל אונדזער ליכט האָסט אונדז באַרויבט בײַ נאַכט,
אַזוי פיל אונדזער גוטס — אין ווינטיק אַש געביטן.
איז הייליק ס׳בלוט־געדעכעניש, נאָר הייליקער פון טויט
מײַן יִדיש וואָרט, וואָס איז מיט זייער פלייש פאַרשניטן.

הייליק — דער בית־עלמין... נאָר הייליקער דער בוים —
בײַם שוואַרצן שטיין צוקאָפּנס אונדז צעבליט ער;
הייליק איז דער טויט... נאָר הייליקער דער טרוים,
דאָס מינדסטע גראָז אין טאָל געראַטעוועט פון שניטער.

דאָס וואַקס־ליכט איז אונדז הייליק... נאָר הייליקער דער שטראַל,
וואָס צינדט דײַן האַרץ מיט ליכט פון טרויער און פון ווייטיק;
נישט זינק, מײַן האַרץ, אין תּהום, נישט זינק אַראָפּ, נישט פאַל —
דאָס פעלד איז גרייט מיט זוימען, וואָס ווילן ווערן צײַטיק.

הייליק — ס׳טויטן־טור, געוועבט פאַרן טויטן גליד,
נאָר הייליקער — דאָס קלייד פון באָרוועסן משורר;
פון אַלע טויטן־זריעות וועט אויפגיין אונדזער ליד
און הייליקן דאָס וואָרט מיט זינגענדיקן טרויער.

1955

די קליינע בלום

די קליינע בלום
אין גאָרטן
מיט פֿאַרביק־רויטן בעכער
האַלט אָפֿן נאָר
די שיינע
דינע קווייטן.

באַלד קומען וועט
דער מולד —
אַ ווײַסער טויטער רײַטער —
און שליסן
אַלע בלומען
מיט ווײַסע פּישוף־קווייטן.

די נאַכט —
זי איז אַ וואָלף
פֿאַר אַלע שיינע קווייטן.
פֿאַרציקט
דעם מינדסטן פֿלאַטער
אין ליכטיקן געווימל.

ווי אַזוי וועסטו
אוי, גאָט,
אונדז טרייסטן
אין דער פֿינצטער —
מיט דײַנע קראַנקע שטערן,
וואָס פֿאַלן פֿונעם הימל?

געשלאָגן ליגן זיי —
די בעכערס
און די קווייטן,
פאַרוויסטע און פאַראַשטע
פון דיינע קראַנקע שטערן.
פאַר מיר
גייט ווידער אויף
אַ טאָג מיט שווערע קייטן,
און שוין שמייכלען
יונגע טויען
מיט קליינע זילבער־טרערן.

אַ תּפילה

אַ שניי.
אַ שטערן.
אַ שטעג.
אַ וואַלד.
אַ סאָסנע.
אַ ברעג.
אַ צווײַג.
אַ פויגל.
אַ טריל —
אוי, גאָט,
דאָס איז אַלץ,
דאָס איז אַלץ
וואָס איך וויל.

מער נישט ווי דאָס
מיר באַשער:
אַ פּנים.
אַ שמייכל.
אַ טרער.
אַ שניי.
אַ שטערן.
אַ שטעג.
אַ וואַלד.
אַ סאָסנע.
אַ ברעג.
אַ צווײַג.
אַ פויגל.
אַ טריל —
אוי, גאָט,

דאָס איז אַלץ,
דאָס איז אַלץ
וואָס איך וויל.

דערטרינק נישט
דעם שמייכל פון טאָג,
טייט נישט
דאָס אויג מיט דער טרער,
דער דיל,
ווּ כ'טרעט אין דער פרי
זאָל זינגען
צו דיר פון מײַן מי.
אויך דער בוים,
וואָס לאַכט פאַר דער שויב,
זאָל זײַן פאַרן אויג מיר אַ לויב.

אַ שניי.
אַ שטערן.
אַ שטעג.
אַ וואַלד.
אַ סאָסנע.
אַ ברעג.
אַ צווײַג.
אַ פויגל.
אַ טריל —
אוי, גאָט,
דאָס איז אַלץ,
דאָס איז אַלץ,
וואָס איך וויל.

די ערשטע רויז

די ערשטע רויז
אין גאָרטן,
געצונדן אין איר גלוט —
זי טוט מיר אַזוי וויי.
דאָס פרילינג־וואָרט
געפלאַנצט אין ליבשאַפט
און מיט בלוט —
איז מיר אַ דאָרן פון בלײַ.

אין פינצטערניש
האָט עמעצער גערויבט
דאָס לאַכנדיקע גרין
פון אונדזער אָרעם הויז.
האָט אויפגעפלאַטערט
אינעם חושך
די גראָע שפּין און פלעדערמויז.

דער טרויער —
איז לויטערער פאַרשטאַנד,
אָבער דו —
דו שפּעטסט פון מײַן טרויער
און
פון דער פאַרנונפט וואָס וויינט.
באַקלאָגן איצט מײַנע רייד
דאָס טויטע הייליקע געביין
אויף ברענענדיקער מויער.

די ערשטע רויז
אין גאָרטן,

געצונדן אין איר גלות,
געפלאַנצט איז פון דער טרער.
שטאַרקער פונעם טויט
ווערט דער בונד פון בלוט
געהייליקט אין דער ערד.

פון יעדער טרער
געבוירן ווערט
אויף ס'נייַ
דאָס ליכט פון וואָרט.
דאָס יונגע גרין
זינגט
אין אַלע טאָלן.
נאָך יעדער פינצטערניש,
נאָך יעדער נאַכט פון מאָרד —
ועט ווידער אויפגיין
אונדזער חלום.

זעגלען פון רחמים

צו דײַן צעבראָכענעם זעגל פון רחמים
וויינט אין פינצטער מײַן געפּאַלענע לאַם;
דײַן שווײַגן — דער סנה, וואָס פלאַקערט,
דײַן רחמים — בלאָ־דנאָזיק פון ים.

די לאַם — מײַן איינציק פאַרמעג איז,
אוי, וויבערס, דערטרינקט זי נישט מער.
מיר ביידע — פון דאָרשטן און בראַנדן —
פאַלן צום שטויב פון דײַן ערד.

פון טרערן און טל — מײַנע זילבן,
אויף הענט — מײַן געפּאַלענע לאַם;
ביז ס׳וואָרט ווערט אַנטפּלעקונג — זײַ מיר
אַ זעגל פון רחמים אויף ים.

אוי, גאָט, ווי כ׳בין אָרעם

יעדן אינדערפרי
איך צייל
אויף ס׳נײַ
מײַנע קברים:
פון מיזרח,
מערב,
צפון,
דרום.
דאָס טאָג־בלוי
פאַרשווינדט
מיט דער זילב
אויף מײַן גומען.
בלויז ער —
מײַן שאָטן —
אַ בת־קול פון גוף
און פון חלום,
זוכט פשט
אינעם וואָגל
צווישן פּאָליצעס ספרים.

אוי, גאָט, ווי כ׳בין אָרעם.

אַלע ספרים —
שווײַגן
שוין איצטער
געטייטע,
באַפרײַטע,
פון ווערטער־נצחונות,
פון חלום־מפלות,

פון געשטאָרבענע זונען
אין שטורעם —

אוי, גאָט, ווי כ׳בין אָרעם.

פון אַלע חדרים
געבליבן
דאָס לעצטע,
דאָס שטילסטע:
מיט פּשט פונעם חלום,
מיט פּשט פונעם וואָגל,
מיט חשכות
פון מילביקע ספרים —

אוי, גאָט, ווי כ׳בין אָרעם.

דאָ שטרעק איך
מײַן קאָפּ
צו הימל־געוועלבן.
דאָ וועבט שוין
די שפּין
פון גינגאָלד אַ בריק —
די אייביקע זילב
צום הימלישן טראַף —
איידער
ס׳וועט פאַלן
איבער מיר דײַן נאַכט —
מיט לעצטן פּשט
אין ליימיקן פורעם —

אוי, גאָט, ווי כ׳בין אָרעם.

מייַנע אַלע חדרים,
פולע
מיט תּפילה,
מיט צערן
און צאָרן —
דאָרט וואָגלען
די ווערטער
געטייטע,
פאַרשעמטע,
פון טרערן באַפרייַטע.
צי וועט כאָטש
אַנומלט
מייַן ערדישער חלום
אויפגיין אויף ס׳נייַ
מיט הייליקער מילב
צווישן פאָליצעס ספרים ?

אוי, גאָט, ווי כ׳בין אָרעם.

שטויבן־שריפט

וויפל טײַכן האָבן שוין געזונגען דיר ערב טויט?
וויפל סאָסנעס האָבן דיר זייער ווידוי־קרעכץ פאַרטרויט אין תהלים?
פאַרהיט מיך פונעם לעצטן פחד, רחמימדיקער כּישופמאַכער,
כּדי ס׳לעצטע וואָרט מיט שטילקייט און מיט שירה אײַנצושטילן.

פאַרהיל מיך מיט דײַן הייליק שווײַגן, פאַרוויג מיך מיטן שאָרך פון רײַסן קריעה
און אויך מיט אַלע גרינקייטן און סודות פונעם וואַלד און בליץ.
דײַנע טײַכן, דײַנע סאָסנעס — אַלע קומען ווידער צו מײַן ווי̇ע
און כ׳וויים נישט אין מײַן תּפילה וואָס איז שלעבטס, און וואָס איז גוטס.

איך בין שוין איצט געוואָרן דיר אַ שטומע, אָפּגעשיילטע קאָרע,
און דײַנע קליינע מוראַשקעס — זיי קושן מיך און שיצן.
פון אַלע טײַכן און פון סאָסנעס — כ׳הער ס׳געזאַנג דאָס קלאָרע,
ווידער כ׳ווער פאַר אַלע ביימער ס׳ליכט פון לעבעדיקע בליצן.

איך וואָגל שוין — אַ ליכט־שפּליטער — אויף דײַן אָזערע פון שווײַגן,
מיט ברכות אַלע פון דײַן הימל כ׳בין אויבעט שוין באַוואָפנט,
פון אַלע טײַכן און פון סאָסנעס ווערט קלאָרער מיר יעטווידער סוד—
אַ נײַע שטויבן־שריפט זי בריט זיך אויס אין מײַן אייביק שלאָפן.

הימל דערבאַרעמדיקער

הימל,
הימל
דערבאַרעמדיקער,
פאַר וואָס
שטאַמל איך אַזוי
אין אַלע תּפילות?
פאַר וואָס
פאַל איך אַזוי
אויף דיַינע טרעפּ?
פאַר וואָס
איז מיַין ברויט
אַזוי געזאַלצן
און ס׳ווערגן מיך
אַלע טויטע צעפּ?
פאַר וואָס
איז מיַין צונג
נאָך אַלץ געליימט
און מיַין וואָרט — געטייט?
צי וועסטו קיין מאָל נישט
פלאַנצן
ביַי מיַין שוועל
די זאַנג
פון פרייד?

אפשר
דאַרף איך נישט
דיך רופן אַזוי:
הימל,
הימל,

דערבאַרעמדיקער —
נאָר פשוט:
דו,
דו,
דו —
האָב רחמים
מיט מײַן שטאַמלעניש,
האָב רחמים
אין מײַן פאַלעניש.

אין אַלע פינצטערנישן

אין אַלע פינצטערנישן ליכטיקט בלויז די טרער —
אַ גלי־איַיזן, וואָס אַקערט טיף אינעם געביין.
דער זוימען פון איר ליכט שפּראָצט ווידער פון דער ערד,
קום תּפילה־טאָן צו די טויטע נאָר אַליין.

פאַרשטומט ביסט אונדז געווען דורך אַלע דורות,
געשליפן אונדזער חלום האָסט אויף שאַרף פון חלף.
מייַן וויג געשטאַנען איז אין פינצטערע אשמורות,
די קינדער־שרעק געטרונקען כ׳האָב מיטן ערשטן אַלף.

איצט גייען אַלע טויטע מישפּט פון דיר מאָנען,
וויַיל ביסט געווען זייער שווערד און אויך די שוואַרצע שייד.
פאַרהיט אונדז, גאָט, פון פּחד, פאַרהיט אונדז פון סכּנה,
צו הייליקן דיַין שם מיר זענען ווידער גרייט.

ברעגעס

פון אַלע ברעגעס
זינגט בלויז
דער לעצטער הימל־ברעג:
בלאָ־תּהלימדיק,
גרין־לאָנקעדיק,
גאָלד־שקיעהדיק —
אײַנגעשפּאַנט אין חלומדיקע
רעגן־בויגנס.

פון אַלע פענצטער
לײַכט בלויז
אַ קליינע
צעבראָכענע שויב:
מיט רעגן־בויגנס פאַרשטאָרבענע,
וואָס האָבן אַמאָל געשײַנט.
דאָרט זיצט נאָך אַלץ
מײַן דאַרע מאַמע פון מאָגעלניצע
און וויינט.

פון אַלע היימען
ברענט בלויז
די לעצטע היים;
מיט שנייען־בלוט־רויטע,
מיט רעגנס סם־שוואַרצע,
מיט האָגלס שטערנדיקע —
אַלע זינגען נאָך
תּהלים צו די טויטע.

פון אַלע ברעגעס
שטייט אָפן בלויז
דער חלומדיקער ברעג
צום גרויסן שלאָף:
ער עפנט
די געשלאָסענע טירן,
די פאַרצוימטע פענצטער,
די פאַרריגלטע מויערן
און אויך —
אַלע פּנימער
מיט קיניגלעכע טרויערן,
וואָס זענען מער נישטאָ.

פון אַלע ברעגעס
כ'זע זיי אַלע שמייכלען
אין די לעצטע רגעס:
פרײַ פון ערד,
פרײַ פון נאַכט,
פרײַ פון פּחד
און פרײַ
פון פײַערדיקן תּהום
בײַם לעצטן הימל־זוים.

דער טעפּער

ווער זאָגט:
אונדזער ליד איז פון שפּינוועב?
ווער זאָגט:
אַז געוויין — זענען טרערן?
נישט שפּינוועב,
נישט טרערן —
פירן דיך אַוועק
פאַרוואָגלט
פון מענטשן.

דו אַליין —
ביסט אַ שטום־געוואָרענער טעפּער,
אַ גילגול
פון גרודעס ליים און שטיין.
אַ פונק
פון אַ פאַרלאָשענעם שטערן.
זיצסט
אויף דער שוועל
און וואַרטסט.
דאַוונסט
און וואַרטסט.

אויף וועמען וואַרטסטו?
צו וועמען דאַוונסטו?
אַלע טעפּ זענען שוין צעבראָכן
און דו —
וועסט זיי נישט פאַרריכטן.

אַלע לידער
ווערן שערבעלעך צעבראָכענע
בײַם תּהום.
ווערסט זיי נישט פֿאַרריכטן.
וואָרעם —
צום קלענסטן תּיקון
דאַרפֿסטו האָבן
די גנאָד
פֿון אים —
פֿון אייביקן און פֿאַרהוילענעם
טעפּער.

שם המפורש

פון אַלע שטורעמס,
פון אַלע תּהומען,
פון הימלען געפּאַלענע
מיט בייז און שלעכטס —
האָסטו, מײַן וואָרט, מיט מיר
דעם טויט געמיטן.
יעטווידע שעה ביסט איצט
מײַן פרייד
און אויך מײַן קרעכץ
און פון סכּנה
וועסט מיך ווידער היטן.

כ׳בין נישט אַליין.
דו ביסט מײַן טרײַער האַרץ־באַשיצער.
דײַן פײַער גליט
אויף שטומער צונג.
די נאַכט — מײַן וווּנד,
דער טאָג — אַ בלוט־באַשפּריצטער —
צינדט־אָן די שטערן
ווען איך וויין און זינג.

געהיטן האָסט מײַן הויך
אין ליים,
אין פײַער —
כ׳זאָל קאָנען חלומען
פון פרידן און פון גוטס.
שוין גרינט דער טאָל פון ביינער

און ס׳לײַכט מיט אַלע חנען
דאָס וואָרט —
מײַן שם המפורש —
וואָס האָט פון טויט געשיצט.

געשלײַדערט האָסטו מיך

געשלײַדערט האָסטו מיך
אויף טויטע פעלדזנס ברוסטן,
איך זאָל זייער פעלדזיקייט
מיט מײַן מויל דערוואַרעמען,
איך זאָל פון גרינער פּאַלמע
זייגן זאַפט און גלוסטונג —
און צוריקגיין אין דער שויס
פון דײַן דערבאַרעמונג.

מײַן האַרץ — געווען פון אַש
אַ פאַרברענטער סידור.
דאָ האָבן נאָך די טרערן
הייס געגליווערט.
נאָר ס'האָט דײַן מידבר־פּנים
אויסגעשפּעט די ווידוי
פון מײַנע טויטע גלידער
מיט טרייסטנדיקן שווײַגן.

די גרינע פּאַלמעס דײַנע
פלאַקערן מיט בושה.
ווער האָט מײַן אויג
אויף ס'נײַ מיט טרער געשלאָגן?
ווער האָט פאַרשעמט
פון טויטע די ירושה
און לעסטערונג פאַרזייט
אין אויפשפּראָץ פון פאַרטאָגן?

מיך יאָגט דײַן מידבר־אָטעם
איבער טויטע זאַמדן

און אינעם חלום
לויערן שאַקאַלן.
נאָר כ׳ווייס:
אין פינצטערניש
דו וועסט נאָך צו מיר לאַנדן
און ביז מײַן לעצטער שעה
וועסט מיך נישט לאָזן פאַלן.

נײַע הײַזער

כ׳בין אַרומגערינגלט
מיט נײַע הײַזער:
שײנע לײַכטנדיקע מצבות.
װער װעט דאַװענען
צװישן זײערע װענט?
װער װעט שטאַרבן
צװישן זײערע װענט?

נאָך װײנט נישט דאָרט
מײַן קינד,
און נישט מײַן זװיגלינג.
נאָך דרימלט נישט
אין שױב
דער זקן —
בלױז װײַסער שטײן
חלומט, חלומט.
די װענט
לאַכן מיט סימנים
פֿון היעראָגליפֿן
אײַנגעגראַװירטע
פֿונעם װינט.
ס׳גרײטן זיך צום פֿלי
קרומע פֿײגל־פֿליגל,
אַ צװײַג —
אַ האַלב־פֿאַרבױגענער,
אַ קרוג —
אַ געשפּאָלטענער,
װוּ ס׳װאַסער איז נישטאָ —
און װעט נישט זײַן.

כ׳בין מתפּלל
פֿאַר די נײַע הײַזער:
זאָל זייער שיינער שטיין
מיט די מצבֿות־היעראָגליפֿן
תּמיד זײַן אַ נעסט:
פֿאַר מידע פֿייגל־פֿליגל,
פֿאַר שוואַכע צווײַגן גרינע,
פֿאַר פֿולע קרוגן וואַסער,
פֿאַרן שמייכל
פֿון וואַכנדיקן זייגלינג
און פֿאַרן זקן
מיט זײַן פֿאַרשטיינטן חלום
אין דער שויב.

ביז צום באַרג

ביז צום באַרג
וועל איך גייַן, גייַן, גייַן
און פאַרזייען
דעם לעצטן זוימען פון ליכט.
אַליין וועל איך פאַלן —
אַ פאַרלאָשענער קנאָספּ —
אין שאָטן פון גאָט
און
פון אַן אַלטן פאַרלאָזענעם שטיין.

ביז צום באַרג
וועל איך גייַן, גייַן, גייַן
און ווערן צוריק
אַ גרינע צווייַג.
אַלע קוואַלן
וועלן
זינגען צו וואָרצלען אין וואַלד,
צו די פאַרשעמטע
אין טאָל
און
צום אַלטן, פאַרלאָזענעם שטיין.

ביז צום באַרג
וועל איך גייַן, גייַן, גייַן
און ברענען
אין לעצטן זוימען פון ליכט.
אַליין וועל איך פאַלן —
אַ פאַרלאָשענער קנאָספּ —

און צינדן
די פּליינען פֿון האָגל און שניי
און
דעם אַלטן פֿאַרלאָזענעם שטיין.

ביטערע זאַנגען

אין טיפֿן ברונעם
נאָך בליט דער שוואַרצער טויט.
אין קינדס שוואַרצאַפּל —·
שוין גליט
דער גרינער טרוים.
ביטער זענען אַלע זאַנגען
פֿון גאָטס ברויט,
אונדזער שטוב — זי זעגלט
איבער רויטן שוים.

די תּפֿילה ליגט פֿאַרמויערט
אין אַ שטיין.
דער שטיין — ער רוט
אויפֿן דנאָ פֿון ים.
גראָזן היטן
אין די נעכט ס׳געוויין
פֿון אונדזער ווײַנשטאָק,
פֿאַרלאָשן אינעם פֿלאַם.

ווער וועט אויפֿהייבן
פֿון גרונטן אונדזער בלאָ?
ווער וועט שטילן
דאָס געוויין פֿון גראָז?
ממעמקים קראתיך יה —
פֿאַרלעש נישט אין מײַן האַרץ
דאָס לעצטע אות.

ממעמקים קראתיך יה,
לעש נישט אינעם קינדס שוואַרצאַפּל

דעם טרוים.
מאַך זיס די זאַנגען
פון אונדזער טעגלעך ברויט,
פאַראַנקער נישט אויף ס׳ניי
אונדזער שטוב אין תּהום.

דער לעצטער חלום
גליט אויף אונדזער ברעם.
די לעצטע תּפילה
זוכט דיין שטומע גנאָד.
ממעמקים קראתיך יה —
פאַרלענד די ביטערניש
פון דיינע זאַנגען, גאָט.

שטיינער

איר האָט
געוואָרפן אין אים
שטיינער —
פון דער קינדשאַפט־גאַס
ביז צום זיקנה־טויער,
שטיינער האַרטע,
שפּיציקע —
פון יעדן פעלדז אַ שפּליטער.

איר האָט
די שטיינער אויפגעקליבן —
פאַר זײַן יעדן וועג אַ דאָרן —
ווו נאָר ער וועט אַ טריט טאָן,
ביז —
ער איז געוואָרן
פון אַלע שטיינער
זייער שטייניק־טויטער היטער.

איצט
ליגט ער אַ פאַרשעמטער
מיט זײַנע קילע ביינער
אונטער שטיינער.
איר האָט געוואַרט,
געוואַרט —
ביז ער וועט פאַלן —
דער פאַרגאַפטער
און דער חלומדיקער ריטער.

איצט
ליגט ער שוין געפאַנגען
אונטער לעצטן שטיין
מיטן גוף פון אויסגעהויכטע לידער.
און
ווידער
לייגט איר שטיינדעלעך
קליינע,
שפּיציקע
פון בית־הקברות־פעלד —
פון יעדן פעלדז אַ שפּליטער —
אויפן שוואַרצן מירמלשטיין,
באַטריבטע
און מיט צאָרן
וואָס מער ווערט איר זײַן לײַב
נישט האָבן
צו וואַרפן אין אים אײַער שטיין
און דעם פאַרסמטן דאָרן.

נאָר ער —
ער איז פאַרבליבן ריין —
די קלאָרסטע טרער פון אַלע טרערן־טײַכן —
און איר —
איר טראָגט נאָך אַלץ
דעם רויטן קַיִן־צייכן.

אין שאָטן

אַלע פֿינצטערנישן
גליווערן
אויף אונדזערע ווײַסע
פֿענצטער־ראַמען.
איך שעם זיך
צו וויינען.
צי לײַכטן אין דער פֿינצטערניש
די טרערן?
מײַן שטוב —
אַ שוואַרצע תּבֿה.
כ׳הער די פֿײַער־טריט
פֿון מײַן טויטער מאַמען.
עפּעס פּלאַטערט אויפֿן דיל,
אַן אויג,
צי גאָר —
אַ גלימער־בליאַסק פֿון שטערן?

ווי קומסטו פּלוצעם דאָ אַהער
פֿון די פֿײַער־פֿעלדער אין אָשוויענטשים?
צי ביסטו גאָרנישט טויט
נאָר אייביק שווימסט
אַ ליכטיקע אין חושך?
צי ביסטו דאָ געקומען
פֿון סכּנות היטן,
אונדז בענטשן —
און אפֿשר גאָר —
מײַן האַרצקלאַפּן
אויף דײַנע פֿײַערטריט פֿאַרטויש איך?

ווּהין זעגלסטו, מײַן שטוב ?
צי רופט דיך ערגעץ ווּ
אַ ליכטטורעם אין באָרטן ?
פון פינצטערנישן
שווימען ווידער
אַלע מײַנע טרויערן ;
אָ, וויפל מאָל מיר האָבן שוין
די רויז געפלאַנצט
אין אונדזער גאָרטן —
צי וועט די פינצטערניש
זי ווידער לעשן
צווישן טויטע מויערן ?

אַלע בלעטער
באַהאַלטן זיך פאַרן טויט.
בלויז מײַן האַרץ
אין שאָטן בליט
און וואַכט.
אַלע גראָזן
זינגען שטום —
זיי ווילן נישט
אין פינצטערניש מער שטאַרבן ;
בלויז דו, מײַן אויג,
שווימסט נאָך אַלץ
איבער תּהום און נאַכט,
געפירט פון ליכט
און אַלע רעגנבויגנדיקע פאַרבן.

די לאַנקע

דער טעפּער אויפֿן דיל —
די לאַנקע פֿון די קינדער־יאָרן.
אין ווינקל
שטייט
דאָס בלאַסע מיידעלע
פֿון שכן,
באַהאַלטן
אין נידעריקן גראָז.
זי בעט מיך אַ קוש.
אַרום איר האַלדז
וויקלען זיך
גראָזן און פֿעדעם־שלאַנגען.
אירע הענט
אַזוי זיס —
אויף די האָר,
אויף דאָס גראָז —
אויף דער לאַנקע
פֿון די קינדער־יאָרן.

כ׳בייג זיך
צום טעפּער אויפֿן דיל, —
צום גראָז
און בין פֿאַרשפּינט
אין לאַנקע־טעפּער:
ראָזיקער, בלאָלעכער תּהום
פֿון דעמערונג און ליכט.
די לאַנקע ברענט.
פֿון קליינעם פֿענצטערל
ביים דאַך —

רופט די מאַמע מיך
מיט אַזעלכע ווײַסע,
וויגנדיקע הענט.

די נאַכט
געפינט מיך שלאָפלאָז
אויפן טעפּער.
כ׳ליג
אויף מײַנע אַלטע פּויסטן.
לעבן מיר —
דאָס בלאַסע מיידעלע פון שכן
וויינט נאָך אַלץ
פונעם קוש
אויף דער ברענענדיקער לאַנקע.

בלינדער מוילוואָרף

בלינדער מוילוואָרף —
מײַן ברודער,
פֿאַרשטויסן אונטער ערד.
דו גראָבסט איר שויס
אין פֿינצטערניש
און זעסט:
די ערדענע סטעליע לײַכט
מיט שטערנשטויב —
אַ מילכוועג —
פֿאַר אַלע געשטאָרבענע.

איך —
דײַן בלינדער ברודער —
שטיי
מיט ביידע פֿיס
אויף ערד
און קלײַב
פֿון הוילע קערנער
און פֿון שטויב
די גראָע שערבעלעך
צו מײַנע לידער.

מײַן קאָפּ
דערגרייכן וויל
דעם ליידיקן הימל־צווייט.
איך בין בלינד,
בלינד,
בלינד —
ווי דער ווינט,

וואָס קרײַזט
אין די בלױענדיקע טאָלן
פון טויט.

צי דאַרף איך ערשט, גאָט,
ווערן אַ מוילוואָרף
אונטער זאַמד,
טראָגן אויף מײַן ווײַסן קאָפּ
די סטעליע פון דײַן ערד
ווי אַ קרוין,
כּדי צו זען
ווי דײַן חסד פלאַמט,
ווי ס׳גרינט אין פינצטערניש
מײַן לוין ?

בלינדער מוילוואָרף,
אַנטפּלעק פאַר מיר דײַן ליכט
אין וואָגלענדיקן חושך,
מאַך גרינגער מיר דעם טאָג
צו טראָגן די בלינדקייט
פון דער וועלט.

הילצערנער פעגאַז

אַ הילצערן פערד
אינעם גאָרטן —
מײַן חלום,
געקאָוועט
אין בלעכן־געשוועב.
פֿאַרבעטסט צו זיך
אַלע ייִנגסטע רײַטער.
זיי זענען נאָך יונג —
און דו ביסט פֿון בלעך,
דו יאָגסט זיי
פֿון וויגן אַרויס אין די נעכט
מיט דײַן פֿלי —
אַלץ ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער.

אויך מיך דו פֿאַרבעטסט
צו דײַן בלעכן־געשוועב,
כ׳וועל קומען —
האַלט שטאַרק מיך בײַם צײַמל.
איך בין שוין געפֿאַלן אַמאָל אינעם פֿלי
און כ׳ווייס שוין דעם וועג
אין די תּהומען.

דו שוועב אין דײַן ווינטיק
בלעכן געשוועב,
שפּאַן־אײַן די באַפֿליגלטע פערד.
אַ רײַטער איך בין
מיט צו־מידע פֿיס
און ס׳האַלט מיך געקאָוועט
די ערד.

בלויז זיי דו פֿאַרבעט —
צו דײַן בלעכן־געשוועב,
בלויז זיי — דײַנע יונגיטשקע רײַטער.
זייערע פיס — ווײַט פון ערד,
פון מלאכים — די הענט,
ביסט זייער הימל
מיט יעקבס לייטער.

אויך איך
וועל נאָך קומען.
דײַן גזשיווע פון ווינט
וועט מיך פירן
צו וואָרצלען און קווייטן.
מאַך פרײַ מיר דעם זאָטל
פאַר נאַכט, וואָס איז בלינד —
לערן מיך רײַטן, רײַטן, רײַטן.

דאָס ליד קעגן טויט

דער אָוונט — אַ בלאָער, קרישטאָלענער בעכער,
ווו פייגל טרינקען דאָס געזאַנג פון פרילינג.

לאָמיר אַלע,
וואָס האָבן געגעסן דאָס אַש פון די טויטע
און אונדזער חלום איז בלינד פון זייערע ווײַסע ביינער —
לאָמיר אַלע זינגען ווי די אָוונט־פייגל
אונטער דעם קרישטאָלענעם בעכער פון פרילינג.
אונדזער מויל איז הונגעריק צום געזאַנג פון די וואָלקנס
און שוין זאַט מיטן אַש פון די טויטע.
אונדזער וואָרט ליכטיקט פון דער נישט־געשטאָרבענער זון —
און אינעם נאַכט־ליכט פון זייערע ווײַסע ביינער.

לאָמיר אויפשטיין און מיטזינגען
דאָס געזאַנג פון יעדן פויגל־שנאָבל.
לאָמיר אויפשטיין ווען די שטערן ציטערן נאָך איבער ערד
און ווילן אַראָפּפאַלן ווי אומצײַטיקע עפּל.
לאָמיר אַקעגנגיין יעדן געבויגענעם שאָטן,
וואָס טראָגט אין זײַנע שטראַלנדיקע הענט
די זעג,
די נאָדל ,
דעם האַמער,
און אויף די ברעמען —
די בײַנאַכטיקע טרער.
לאָמיר זינגען דאָס שיינע טרייסט־ליד פאַר די טרויעריקע,
וואָס קאָנען נישט פאַרגעסן אינעם טויט.

וואָרעם אַלע פייגל זינגען פאַר זיי:

פאַר די שטילע וועבער,
פאַר די הכנעהדיקע שוסטער,
פאַר די זינגענדיקע שנײַדער,
פאַרן פאַרחלומטן פויער —
און פאַר אַלע יונגע פּאָעטן,
וואָס זייערע קינדער־ליפּן שטאַמלען נאָך און בעטן
צו נעפּלען, צו נאַכט און צו פּחד.

לאָמיר זינגען צום בעקער, דעם פּאָעט־מכשף,
וואָס קנעט־אויס פונעם ברויט־טייג
דאָס ערשטע זון־ליכט אינעם קילן מאָרגן
און באַשיט עס מיט פלאַטערנדיקן שטערן־מאָן פון דער נאַכט —
דאָס זינגענדיקע ברויט פאַר אַלע פרילינגדיקע מענטשן.

וואָסער שריפט שרײַבן די טויבן אַזוי בשורהדיק?
פאַר וואָס בליִען שוין די בלוט־פלעקן אויף ווענט ווי יונגע רויזלעך?
צי האָט דאָס ליכט דעם תּלין שוין דערוואָרגן?
וואָס וויל דער ווילדער ווײַן אויף מײַן געשטאָרבן פענצטער?

הער, הער,
ווי שיין די יונגע פייגל זינגען אויף בית־עלמינס
און וועקן־אויף פון טויט אַלע געהאָנגענע ווינטן.
הער, הער:
דאָס געזאַנג, וואָס פאַריאָגט דעם טויט,
דאָס געזאַנג, וואָס פאַרווישט די טרער,
דאָס געזאַנג פון פרילינגדיקן פרידן,
דאָס געזאַנג פון שטראַלנדיקער ערד,
דאָס געזאַנג פון נאַקעטן בלומענטאָפּ,
דאָס געזאַנג פון אָוונטיקן גאַז־לאָמפּ,
דאָס געזאַנג פון פאַרליבטעביימער,

דאָס געזאַנג פֿון אַלע ביכער־שענק
און דאָס געזאַנג פֿון שאַרפֿע אַקעראײַזנס,
וואָס שנײַדן מיט זייער ווײַסקייט די ערד,
ווי פֿאַרחלומטע, שווימענדיקע שיפֿן.

ווער וויל זיי אַלע טייטן?
ווער וויל טייטן דאָס געזאַנג פֿון די פֿעלדער?
ווער וויל טייטן דאָס ליד פֿון די וואָלקנס?
ווער וויל טייטן די סאַמעטענע ווינטן?
ווער וויל טייטן די פֿאַרליבטע ביימער?
ווער וויל פֿאַרשיטן די ביכער און קינדער־ליפּן
מיט אַש און טויט?
ווער וויל מײַנע אויגן צודעקן מיט נאַכט?

לאָמיר אַלע אויפֿשטיין מיט די ווינטן קעגן טויט
און זינגען:
קעגן שׂרפֿה,
קעגן טשאַד,
קעגן שׂינאה,
קעגן חשד,
קעגן מעסער,
קעגן שווערד,
קעגן טויט־גזר
אויף דער ערד.

מאָרגן וועלן אַלע מיטזינגען דאָס ליד —
כאָטש ווונדיק זענען נאָך די הענט פֿון טויט.
די ערד איז גרייט צו עסן דעם זוימען פֿון פֿרייד,
כאָטש ווונדיק איז איר מויל נאָך פֿונעם שרויט.
מאָרגן וועלן אַלע אַראָפּנידערן צו אונדזער שוועל

און זינגען מיט די ווינטן פון ליבשאַפט —
אונדזער שטראַלנדיק ברויט.
אויף אונדזער מויל וועט הענגען אַ זאַפטיק טרויבן־שטענגל —
דאָס ליד קעגן טויט.

1950

וואָרצלען פון פײַער

וואָרצלען פון פײַער

פון אַלע ספרים —
קברים.
בלויז ליכט־וואָרצלען
גליִען
אין פינצטערניש פון תּהום.
אַ שווערד האָט אונדז
צעשניטן
און צעפּאָכטן,
וואַקסט־אויס פון יעדן שטראַלן־אות
ווידער אונדזער בוים —
מיט וואָרצלען פון דײַן פײַער.

פון קלענסטן שטראַלן־אות
וואַקסט ווידער אונדזער חלום —
אַ לײַכטנדיקער, ייִחוספולער גאָרטן.
דורך אַלע קברים
און קאַלטע טויטע וואָרצלען
איך גיי אַנטקעגן דיר,
מײַן גרינער באָרטן —
מיט וואָרצלען פון דײַן פײַער.

פאַרהיט אונדז, אייביקער, פון כּרת,
פון ווידער ווערן בוים
צעשניטן און צעפּאָכטן
פון פאַרסמטער שווערד.

פאַרגלי אונדזער שטראַלן־אות
מיט חלום און בטחון
פון אַ גרעזל אויף דער ערד —
און מיט וואָרצלען פון דײַן פײַער.

זײ בלאַנקען

זײ בלאַנקען — די מעסערס אין קרעטשמע.
די פלעשער — צעברעקלט מיט שפּירט.
אַ שיכּורער זינגט נאָך דער פּויער
און איך בין צעשטאָכן אין מיט.

אין מיט פון מײַן גוף כ׳בין צעשטאָכן.
פון מעסערס דער קרעטשמע־דיל בלאַנקט.
װער װעט דאָ הערן מײַן כליפּען ?
איך טאַנץ אױפן דיל מיט געזאַנג.

פון טומאה זײ לײַכטן — די מעסערס.
איך װײס נישט צי טאָג איז, צי נאַכט.
זײ בלאַנקען — די מעסערס אין קרעטשמע.
דער שׂטן — פון פלעשער ער לאַכט.

איך ליג שױן צעפּערטלט אױף שטיקער.
איך װײס נישט דעם װעג צו דער טיר.
ס׳װעלן הונדערטער דורות געדענקען
די מעסערס געװאָרפן צו מיר.

כ׳פליסטער

כ׳פליסטער
פאַרשעמט
יעדן אינדערפרי
צו מײַנע צוויי טויטע
ייִדישע פּנימער:
צו דער מאַמעס
אויגן
אונטערן בת־טובימדיקן שלייער
און
צום טאַטנס שטערן
מיטן שוואַרצן תּפילין־קעסטעלע —
דעם של־ראָש פון פײַער.

די מאַמע
גרייט זיך
צו אַ יתומהס חתונה.
מײַנע ליפּן
ליגן
אין די פאַלדן
פון איר געבאָרגט קלייד.

דעם טאַטנס באָרד
פרירט
אין אַ סאַזשלקע.
דאָרט
ליג איך אויך
דערטרונקען
אויפן דנאָ.

יעטווידן באַגינען
גיי איך זיך טובלען
אין דער געפּרווירענער
סאַזשלקע.
אַ גאַנצן טאָג
גיי איך אַרומגעהילט
מיט דער מאַמעס בת־טובימדיקן
שלייער —
און מיטן טאַטנס
שטערן.
פון דאָרט
גליט נאָך אַלץ
צו מיר
פון דנאָ —
דער מאַמעס טרער
און דער של־ראָש פון פײַער.

דאָס ווײַסע מעסער

אַזוי פיל יאָרן שוין נישט געזען דײַן פּנים, מאַמע,
האָט אונדז דער חלום היַינט אויף ס'נײַ געפירט אין צוווייען.
געטאָ־דעמער. פון ווײַסן ציכל נעמסט דאָס ברויט מיט פליסטער:
— דאָס לעבל ברויט, מײַן זון, אַ גאַנצע וואָך דאַרף אונדז סטײַען...

דו האָסט געשניטן ס'ברויט מיטן לאַנגן, ווײַסן מעסער
און ס'מעסער האָט פון ווײַסקייט די אויגן מיר פאַרבלענדט.
און זע: ס'איז נישט קיין שטאָל, און נישט אַ לאַנגער, ווײַסער מעסער —
ס'איז נאָר אַ קליינער שטראַל געפאַלן פון דײַנע טויטע הענט.

דערנאָך האָסטו דאָס ברויט אויף ס'נײַ אין ציך באַהאַלטן
און ס'איז געלעגן דאָרט — אַ גראָער קינדער־שאַרבן. — —
דאָ בין איך אויפגעוואַכט. און ס'איז געבליבן פונעם חלום
דאָס ווײַסע מעסער אין מײַן האַרץ ביז דער שעה פון שטאַרבן.

אַלע בלעטער

אַלע בלעטער
פאַרוויאַנעט, צעטרעטן —
זיי ווערן אין ערד
ווידער זוימען.
פון טרערן, וואָס כ׳זאַמל בײַ טאָג —
בליִען ווידער
בײַ נאַכט מײַנע טרוימען.

זאָג,
ווּ איז
מײַן ייִדישער לאָגל?
ווּ שטייט
דער בעכער פון ווײַן?
זײַ מוחל, די טיר כ׳האָב פאַרריגלט,
איידער דו וואַרפסט מיר
אַ שטיין.

איך צייל נאָך די בלעטער.
זיי האָבן
אַמאָל דאָ געבליט
און געגרינט.
צי שיין איז
אין שקיעה
צו הערן ס׳געוויין
פון די בלעטער אין ווינט?

זאָג,
ווּ איז דער ברונעם?
דער וואָלקן?

פון הימלען

דער אָנהייב, דער סוף ?
אַלע בלעטער —
פאַרוויאַנעט, צעטרעטן —
צי איז עס פאַרן האַרץ
נישט אַ שטראָף ?

נאָר דו —
ווערסט דאָס האַרץ
נישט דערהערן.
די טרער —
ווערסט אויך נישט דערזען.
די שטראָף פאַר א י י נ ע ם
צו קליין איז.
כ׳וועל טראָגן דעם עונש
פאַר צען.

כ׳בין געווען שוואַרץ פּײַער

כ׳בין געווען
שוואַרץ פּײַער.
אַ גרין וואָרט
פֿאַרן ווינט.
אַ בלאָער טוי
פֿאַר דער טרער.
אַ בריק
פֿון מיר צו דיר.

איצט בין איך
אַ פֿאַרשלאָסענער טורעם:
מיט שטיגן הענגענדיקע,
מיט שטאַפּלען ברענענדיקע,
מיט חללס לײַכטנדיקע —
צו יענער זײַט —
צו דיר.

איצט
בין איך שוין נישט פּײַער.
כ׳בין
צעטראָטענער זאַמד,
אַ טרייסט פֿאַרן ווינט.
כ׳בין
זינגענדיק וואַסער
פֿאַר מײַן טויטער קעל.
כ׳בין
דײַן שטערן־געטראַנק
פֿאַר מײַן שטילסטן וועג.

קיינער זעט נישט מער
מײַן שוואַרץ פײַער.
קיינער הערט נישט מער
דאָס גרינע וואָרט.
אַלע זאַמלען פון פעלדער
דעם טוי
פאַר זייער קרישטאָליק געוויין.

כ׳גיי־אַרויס
פון פאַרשלאָסענעם טורעם
און ווער אַש.
צוזאַמען מיט שטיגן
הענגענדיקע,
מיט שטאַפּלען
ברענענדיקע,
מיט חללס
לײַכטנדיקע.

כ׳ווער צוריק
שוואַרץ פײַער
אין אַלץ,
אין אַלץ,
וואָס איז מער נישטאָ.

תּהלים פֿאַר די טויטעביינער

איר טראָגט נאָך אַלץ אַ שוואַלבן־גוף אויפֿן האַרץ פֿאַרוואָרפֿן,
געבונדן מיט אַ גראָער שטריק פֿון שפּאָט און חניפֿה;
און כּדי ס'געזאַנג מיט פֿרומער צביעות אָנצושאַרפֿן —
האָט איר דאָס אַשיק האַרץ צו תּפֿילות נאָך גערופֿן.

פֿון שוואַרצע זומפּן רופֿן קולות: נישט פֿאַרגעסט!
און איר — צום ווײַנטיש האָט פֿאַרבעטן אַלע טויטע געסט,
פֿון שוימענדיקע בעכערס טרינקט איר זייער בלוט
און הערט נישט ווי עס יאָמערן די ווײַסל און דער פּרוט.

אײַערע אויגן זענען הויל מיט טומאה־חלום פֿון אַ גראָשן,
אָן בושה פֿאַרן טויטן־דור האָט איר זייער טויט פֿאַרראָטן;
אײַן שוואַרצע נעבעך ער ווײנט נאָך אַלץ אין מיר אומפֿאַרלאָשן —
דער ווײַסער, גראָער שאַרבן פֿון מײַן טויטן טאַטן.

הויך קלינגט דער זילבערשטיק אויף אײַער גלאַטער צונג
און לאַנג פֿאַרשטומט שוין די צוואָה פֿונעם שׂטנס קלונג.
נאָר ערגעץ ווו זי הענגט פֿון בלוט און אַש די וואָג,
געבוירן ווערט אין עופֿעלע אויף ס'נײַ דעם נביאס קלאָג.

שוין ווידער האָט איר ס'מאָלצײַט נאָך אַלע טויטע צוגעגרייט,
די גאולה־פּאָן — אויסגעשפּינט פֿון זייער טויטנקלייד;
ס'וועלן בעכערס אָנזאַמלען אונדזער טרעריק ייִדיש אות
און מיט ליכטיקייט פֿאַרפֿלייצן דעם שדישן כאָאָס.

דערווײַל — האַלט איר די טרער פֿאַרזיגלט טיף אין בײַטל,
זי אויסגעמישט מיט פֿאַלשן זילבער ווי ציגײַנער;
נאָר גלייב: זיי זענען דאָ, די למד־וואָוו, אין אַלע צײַטן
און זינגען שוין דעם תּהלים פֿאַר די טויטע ביינער.

אַלע מײַנע בײמער

אַלע מײַנע ביימער
שטאַרבן.
אַלע מײַנע טרוימען
שטרויכלען.
די, וואָס וועלן פון מײַן שווײַגן
אַרבן —
וועלן אינעם טרויער
תּמיד שמייכלען.

אַלע מײַנע פייגל
פאַלן.
אַלע מײַנע בליטן
וויאַנען.
דאָס תּהלים־ליכט פון גאָטס דינסטע
שטראַלן
איז אין מײַן טרערן־זעקעלע
פאַראַנען.

אַלע מײַנע פידלען —
קוילן.
זייערע סטרונעס —
נעפּלען
און געוועבן.
ווען אַלע מײַנע וואָרצלען
פוילן —
זינג איך שוין אויף ס׳נײַ פון סוד
און גרינעם לעבן.

1921

ניינצן הונדערט איין־און־צוואַנציק.
ערב פּסח.
זיסע צימערינג־ווינטן
קושן
די פּאַציאַטקע־פענצטער.
כ׳קלײַב
ערשטע
אומרייַפע
גרין־גראַנאַטענע
פּוילישע
וואַלד־מאַלינעס.

געחלומט ביי נאַכט:
רילקע.
באָדלער.
וויאָן.
זייערע הענט
טראָגן מיך אַרום
פאַרכּישופט
אין די געסלעך
פון באַלוט.
זייערע לידער
זידן
אין די שלייפן —
דורך קליינע
הימלישע
בלאָז־זעקלעך.
ווּרובלעס גראָ־גילדענע
טשיריקען מיר אַקעגן:

— גוט יום־טוב!
כ׳לויף אימפּעטיק
צום ראָג.
צײַטונג־קיאָסק.
דאָס האַרץ —
אַ יונגער
זינגענדיקער זייגער.
די פינגער —
ציטערנדיקע ספּרוזשינעס.
כ׳עפן די צײַטונג:
יאָ.
פאַראַן.
דאָס ערשטע ליד.
שוואַרץ אויף ווײַס.
ישעיהו שפּיגל: „משה" —
„נײַער פאָלקסבלאַט"
לאָדזש,
נײַנצן הונדערט איין־און־צוואַנציק.

1976

ניַינצן הונדערט זעקס־און־זיבעציק.
די צימערינג־ווינטן
זענען טויט.
די וואַלד־מאַלינעס
בליִען
מיט רויטע בלוט־קיַיקעלער.
כ׳קלײַב אותיות
קליינע
צעבראָכענע
אין עצבות.
כ׳הער ביַי נאַכט
אין חלום
זייער לעצט געשריי:
מאַר־קיש...
קול־באַק...
זייערע לידער —
רויטע פעסטונגען
מיט צעבראָכענע לבנות.
אייביקער מולד.
די גילדענע פּאַווע
זינגט
פון ברענענדיקע וועלדער.
מיַין האַרץ —
אַן אַלטער
קראַנקער
זייגער —
מיט לויזע ספּרוזשינעס.
אין די שלייפן
יאָמערט נאָך

ישׂראל ראַבאָן,
אַ שיין ליד
פון פראַנסואַ וויאָן.
און מײַן ערשט ליד —
איז אַזוי ווײַט,
אַזוי נאָענט.
אַזוי הייליק —
נײַנצן הונדערט זעקס־און־זיבעציק.

גרינער וואַזאָן

געוועזן אין יענער שטוב
אַ גרינער וואַזאָן.
געוועזן אַ בלום,
אַ האַנט,
און אויג.

פֿון גרינעם וואַזאָן —
שערבעלער.
פֿון דער בלום —
אַש־בליטן.
פֿון דער האַנט —
געלער ביין.
בלויז
דאָס אויג
איז געבליבן.

מײַן אויג
הענגט דאָרט
ביז איצט
פֿאַרגליווערט —
איבערן גרינעם וואַזאָן,
איבער דער טויטער בלום
אויפֿן דנאָ.

טויטע שיפן

כ׳וועל מער נישט זאָגן:
ס׳איז פינצטער
אין די טיפן.
כ׳וועל מער נישט זאָגן:
כ׳בין טרויעריק
פון די טויטע שיפן.

כ׳בין געוואָרן
אַ פליִענדיקע,
קראַנקע מעווע,
וואָס גוססט תּהלים.
אפשר
בין איך
אַ ציטערדיקע כוואַליע,
וואָס טראָגט
מייַן חרובע וועלט —
די טויטע שיף —
אויף איר
בייגעוודיקן רוקן?

צי זאָל איך
דערטרינקען די שיף
אין די טיפקייטן
פון ים?
צי זאָל איך אַראָפּ
אויפן דנאָ
און ווערן
אַ גילדן פישל
אין גאָטס אַקוואַריום?

כ׳וועל מער נישט זאָגן:
ס׳איז פינצטער
אין די טיפן.
כ׳וועל מער נישט זאָגן:
כ׳בין טרויעריק
פון די טויטע שיפן.

דער האָלצהעקער

צי איז געבליבן
נאָך עמעצער דאָ מיט ליכט?
צי איז געבליבן
ערגעץ ווו
דער האָלצהעקער?
אויפצוזאַמלען
דאָס געשפּען
אין טויטן וואַלד?
ווער קאָן אָנרופן
זײַן נאָמען, ווער?
איך — נישט.
דו — נישט.
אפשר בלויז זיי —
די טויטע.

די טויטע
ווייסן שוין אַלץ.
די טויטע זענען
פון טרערן און פון זאַלץ
און פון טרוקענעם
לײַכטנדיק געביין.

פאַר וועמען
לײַכטן זיי
אין פינצטערניש?
אפשר טאַקע
פאַר אים —
פאַרן האָלצהעקער

מיטן זאַק
אויף דער פּלייצע,
וואָס קלייַבט שוין
דאָס געפאַלענע געשפּעץ
אין טויטן וואַלד.

צו די געהאָנגענע

אין קעלערן
שימלען די פעסער וויַין.
אויףביידעמער
הענגען נאָך די געהאָנגענע.
קום מיט מיר אַראָפּ
אין די טויטע קעלערן.
קום מיט מיר
מחילה בעטן
ביַי די געהאָנגענע.

צי מיינסטו
אַז זיי וועלן נישט דערהערן
ווי ס׳קאָכט
דער רויטער וויַין
אין די פעסער?
צי מיינסטו
אַז זייערע קרומע ציין
עסן נישט דאָס ברויט
פון די פאַרשעמטע?

שרעק זיך נישט
פאַר די שימלדיקע קעלערן
מיט די פעסער וויַין.
הייב אויף
דיַין קאָפּ
צו די געהאָנגענע
און זאָג צו זיי:
ווייַ צו מיַין זינגענדיקן האַלדז,
אָ, ברידער מיַינע געהאָנגענע.

לעבן חלף

זײַן פּנים —
אַן אויסגעקרומטער
רויטער חלף.
זײַן שווערע פויסט
זוכט
עמעצנס אַ האַלדז
אין דער פינצטער.

איך זיץ
אַנטקעגן אים
און שווײַג.
דער חלף
וויקלט זיך אַראָפּ
פון זײַן פּנים
און פאַלט
אויפן דיל.

ער וויל —
איך זאָל אים אויפהייבן —
דעם חלף.
אַרײַנלייגן
אין זײַן אויסגעשפּרייטער
פויסט —
צוזאַמען
מיט מײַן אויסגעשטרעקטן
האַלדז.

ליגט
דער חלף

אויפֿן דיל
צוויי טויזנט יאָר —
זאָל ער ליגן.
און איך —
כ׳וועל אייביק,
אייביק
לעבן —
לעבן חלף.

פיר מיר צוריק

כ׳טו תּפילה
יעטווידן באַגינען:
גיב מיר צוריק
איר יִדישע טרער,
וואָרעם —
איר פאַרשעמטע שטילע הייליקייט
וועלקט
אין מייַן בלינד לעבן.

גיב מיר צוריק:
איר פרומע בלאָלעבקייט,
אַזאַ פאַרשטילטע
מיט רחמים.
איר הייסן קוש,
ווען זי האָט געוויינט
פאַרבאָרגן
אין מייַן לאַנגער
קינדערשער נאַכט.

גיב מיר צוריק:
איר לעצטן הויך,
דעם שטילסטן קרעכץ
פון איר יִדיש געפּליסטער.
ס׳זאָל ווערן אַ ליכט
אין מייַן אייגן פאַרגיין
פון מייַן בלינד לעבן.

גיב מיר צוריק:
איר איינציקן שבת־שטערן

אין הימל.
ער האָט אַלץ געזען
און איז נישט געשטאָרבן.
אַלע שׂרפות
זענען לאַנג שוין פאַרלאָשן,
נאָר איר פּנים
ברענט נאָך צו מיר
פון די גלאָווניעס.

צו דיר איך בעט
אין מײַן בלינדקייט:
לאָז מיך דערזען
איר הייליקן בליק
אויף די קרומע
בלאָע בענטש-ליכט —
צו איר —
צו מײַן אוישוויצער מאַמען —
פיר מיך צוריק.

אין סאָד פון בזיון

ייִדיש־ווערטער
מיט פנימלער ריינע פון זינד,
ייִדיש־ווערטער
מיט אויגן פאַרשעמטע פון שפּאָט —
אַלע קומען זיי צוריק אינעם ווינט,
צו מײַן פאַרשעמטן און פאַרלאָזטן גאָט.
אַלע אָן גלי, אַלע אָן שאָטן,
האַרבסטיק־קרישטאָלענע זילבערנע טויערן
קומען צוריק פאַרשעמטע צו גאָט אָן.

אין סאָד פון בזיון
מײַנע פאַרשעמטקייטן בלִיִען:
דער תּהלים ליגט מאָכיק,
פאַרשפינט און הויל,
מיזמורים פאַרוועלקטע,
אין פרוכנע, אין קויל,
דאָס בליִעכץ —
פאַרזונקען אין טויטלעכע בלױען
פאַרשאָטן מיט שניי
אין גאָטס סאָד פון בזיון.

פון אַלץ געבליבן:
בזיון און פאַלן.
די צווײַגן —
געשפּאָלטן ווי שטייניקע שטראַלן.
צוזאַמען מיט גאָט
אין שאָטן פון ביימער —
איך טרינק פולע בעכערס
מײַן תּהלים פון אימה.

מייַן טאַטנס שטיוול

מייַן טאַטנס שטיוול —
געלאַטעטע,
געקאָוועטע —
ליגן נאָך אינעם זאַמד
פון אוישוויצער באַרג.

די פּאָדקאָוועס —
ווייַסע,
געשליפענע —
בלענדן נאָך אינעם זאַמד
פון אוישוויצער באַרג.

פון דייַנע הייליקע שטיוול
געלאַטעטע,
פון די הייליקע פּאָדקאָוועס
געשליפענע —
כ׳הער נאָך דייַן קול אין זיך:
מייַן זון,
מיט אַזעלכע שטיוול
געלאַטעטע
און מיט אַזעלכע פּאָדקאָוועס
געשליפענע —
כ׳וועל אַקעגנגיין אַפילו משיח.

די האַנט

כ'האָב געזען:
אַ טויטע האַנט
אַרויסשטייַגן פון שניי
אויפן אוישוויצער פעלד.
אַ האַנט בלויז —
אָן אַ גוף —
מיט צעשפּרייטע פינעף פינגער
אינעם שניי.

דער גוף —
טיף אין שניי
פאַרהוילן
און
בלויז זי —
די טויטע האַנט —
האָט אויפן ווייַסן אייבערפלאַך
פאַרזיגלט ווייַסע ווערטער
מיט די פינגער אינעם שניי.

וואָס מיינט די זיגלשריפט
פון יענער טויטער האַנט?
בלויז מייַן חלום
ווייסט
דעם באַשייד.
דאָס איז זי —
מייַן לעבעדיקע האַנט —
וואָס פירט די שריפט
פון יענעם טויטן לאַנד.

און ווּ איז מײַן גוף?
ער שווימט,
ער שווימט
אין הימלדיקן וואָלקן־טײַך,
מיט אַלע רויכן
און מיט זינגענדיקע שוואַלבן
אין דער הייך.

כ׳גיי

כ׳גיי
און גיי
און ווייס נישט
דעם וועג
צום שומר.

אַ האַנט,
אַ בליק
פירן מיך
צום ברעג.
די בריק
פאַלט־אײַן
בײַם נידעריקן ברעג
פון שומר.

כ׳גיי
און גיי
און ווייס נישט
דעם וועג:
צי הינטערן באַרג,
צי ווײַטער פון ברעג
וואַרט דער שומר?

בײַם ברעג פון שניי?
בײַם ברעג פון טוי?
אין אַ זמר פון וויי?
אין אַ חלום פון בלוי?

װוּ ביסטו, מײַן היטער,
שומר פון ברעג,
שומר פון טוי
און שומר פון שניי?
שומר פון בלוי
און שומר פון ווײי?

כ׳גיי
און גיי
און ווײס נישט
דעם וועג:
צי הינטערן באַרג,
צי ווײַטער פון ברעג —
וואַרט דער שומר?

פּאָעטן

פֿאַרבלאָנדזשעטע.
דעלירישע נאַכט־ריטער
זוכן אומעטום
פֿון לבֿנה־זוים
אַ זילבער־שפּליטער —
אויפֿצוהענגען דאָרט
זייער זינגענדיקע
טויטע פֿידל.

קינדער
מיט גראָע בערד
פֿון אליהו הנבֿיא —
וואַרטן זיי תּמיד
אויפֿן גוטן חלום
פֿון שגעון.

איבער אַלע אָקיינוסן
קרײַזן
זייערע לבֿנות,
אײַנגעהילט
אין פּראַכט
פֿון אַ טרער.
זייערע דעלירישע זעגלען
פֿלאַטערן
אין דער פֿינצטערניש
מיט אַזוי פֿיל בענקעניש
צום הימלישן פֿאָטער.

זיי וועלן
קיין מאָל נישט
אָנקומען —
צווישן הימל און ערד —
די פאַרבלאָנדזשעטע,
דעלירישע
נאַכט־ריטער.

קליינע
פאַרזיגלטע גיהנומס.
זיי ווערן נישט מיד
פון וויינען בײַ נאַכט
און פון זינגען
דאָס דעליריש געזאַנג
פון פאַרבלאָנדזשעטקייט
און פאַרטרוימטקייט.

גאָטס גרינע שטערן־צויטן
פון די נאַכט־געוועלבן
זענען די גוטע היטער
פון אַלע פאַרבלאָנדזשעטע,
דעלירישע
נאַכט־ריטער.

וואָגל

דייַן האַנט איז אַ חלף, דאָס וואָרט — אַ שפּיז,
ווי קאָן איך נאָך זינגען אין וואָגל?
דאָס ברויט איז אַ שטיין, דער בליק — אַ ביס,
די שטערן — אַ גרינער, שטייניקער האָגל.

מייַן טיש איז אַן אָרון, אַ תּליה — דאָס ליד,
דער חלום — אַ בלוטיקע קייט;
געפאַנגען איך זינג און זאַמל דעם צוויט
אין גסיסה נאָך ליכט, אין גסיסה נאָך פרייד.

אַ גריל איז מייַן האַרץ, געפאַנגען אין נעץ,
לבנה — אַ בלוטיקער, רויטלעכער נאָגל.
צי שאַרפט זי דעם חלף? צי גרייט זי דעם קץ?
ווי קאָן איך נאָך זינגען אין וואָגל?

בײַם אַלטן פּרוכנעוואַטן טיש

מיר חלומט זיך נאָך אַלץ:
כ'זיץ
בײַם אַלטן
פּרוכנעוואַטן
טיש
אין אונדזער אָרעמער
באַלוטער היים.

ער שטייט
אין מיטן שטוב,
אַרומגעקריינט
מיט אַכט
יונגע
הונגעריקע
מײַלער.

איך —
דער עלטסטער.
מע וואַרט,
ווי זיס איז
דאָס הונגעריקע וואַרטן
בײַם אַלטן
פּרוכנעוואַטן
טיש.

די מאַמע טראָגט
פון אײַזערנעם קיכל
די וואַרעמע
גריץ.

אַ מילכיקער וואָלקן
פון פּאַרע
שוועבט
ווי אַ חופּה־וועלאָן
פונעם קיכל
צום פּרוכנעוואַטן טיש.

כ׳קוק אַריַין
אין דער בלייכקייט
פון ליידיקן טעלער
און וואַרט.
ביז —
דער וועלאָן־וואָלקן
פאַלט
אויף מיַין פּנים.

איך זע
דורך אים
די זון.
זי שמייכלט
פאַרשעמט
פון הינטערן וואָלקן.
דאָס זענען
די שיינע אויגן
פון מיַין מאַמען.
זיי לייַכטן נאָך אַלץ
צו מיר
יעדע נאַכט
אינעם חלום
בייַם אַלטן פּרוכנעוואַטן טיש.

פון מיר ביז דיר

כ׳בין אויפגעגאַנגען

כ׳בין אויפגעגאַנגען
פון פינצטערניש
דיך צו זען
אין אויפשפּראָץ
פון אַ טראָפּן ליכט.
צו הערן דיך
אין מינדסטן שאָרך
פון יעדער זילב.

האָסט געוואָרפן
חלף־שניטן
אויף מײַן ייִדיש פּנים.
אָבער דײַנע גרינע בליצן
הערן נאָך נישט אויף
מיך צו בלענדן
מיט דײַן ליכטיקייט.

ווען כ׳וועל אַ מאָל
זיך אומקערן צו דיר —
וועט זײַן
נישט טאָג,
נישט נאַכט.
דו אַליין
וועסט ווידער לײַכטן
פון מײַן יעדער זילב.

דו אַליין
וועסט שמייכלען
מיט דײַן ליכטיקייט
צו מײַן פאַרלאָשן
פליישלאָז פּנים.

ווען נישט דו

ווען נישט דו —
וואָלט נישט געווען
קיין רעגן.
ווען נישט דו —
וואָלט נישט געווען
קיין ווייצן,
אויך נישט קיין ברויט —
און אויך נישט
דער טויט.

דער טויט
פון דײַן האַנט
איז אַ ברכהדיקער בינשטאָק
פול מיט האָניק.
זינגענדיקע בינען־מלכּות
האָבן נישט מורא
אַרויפצוקוקן
צו די שטערן.

איך וויקל מיר דאָס פּנים
מיט אַ שוואַרץ געוואַנט —
און גיי אויפזאַמלען
דעם האָניק —
דעם לעצטן האָניק —
איידער
ס׳פּאַלט אַראָפּ
אין תּהום
מײַן מאָרגנשטערן.

כ׳לערן זיך אויסגיין

כ׳לערן זיך אויסגיין,
פֿאַלן
פֿון אַלטע, שלאַפֿע ביימער
ווען זיי וויאַנען
און
קושן נאָך די לעצטע שטראַלן.

כ׳האָב אַלץ נאָך נישט פֿאַרגעסן
די גרינע שמייכלען
פֿון אַלע פֿעלדער
און אויך נישט דעם יִאוש
פֿון יונגע בליצן,
ווען זיי ווערן פּלוצעם
איינגעלאָשן.

איך שמייכל נאָך
צו די הימלען נידעריקע,
דערטרונקענע
אין טרויעריקע סאַזשלקעס.
איך אַליין
בין שוין אַ פֿלאַטער־פֿויגל,
אַ נאַקעטער,
אין מיַין ליידיקער נעסט
און וואַרט
אויפֿן שענסטן געשאַנק —
דעם לעצטן,
אָפּגעהאַקטן
טרילן־זילב פֿון מיַין קעל.

כ׳לערן זיך אויסגיין,
פֿאַלן
פֿון אַלטע, שלאַפֿע ביימער
און קוש
די לעצטע שטראַלן
אַזוי שטיל,
אַזוי שטיל
ווי אין דער וואַנט
גאָטס פֿאַרבאָרגענע
הייליקע גריל.

ווען איך וועל מער נישט זײַן

ווען איך וועל מער נישט זײַן —
וועט אַלץ זײַן אַזוי ווי איצט:
כ'וועל שמייכלען צו דיר פונעם ווײַן
און לײַכטן צו דיר פונעם בליץ.

ווען איך וועל מער נישט זײַן —
וועט אַלץ זײַן אַזוי ווי איצט:
וועסט לייענען די שורות אין בוך,
ווו מײַן נאָמען איז שוואַרץ פאַרקריצט.

ווען איך וועל מער נישט זײַן
וועט אַלץ זײַן אַזוי ווי איצט:
אַלץ וואָס קלאָר איז, גוט און שיין
וועט אייביק זײַן אין מיר געשיצט.

ווען איך וועל מער נישט זײַן —
וועט אַלץ זײַן אַזוי ווי איצט:
כ'וועל שמייכלען צו דיר פונעם ווײַן
און לײַכטן צו דיר פונעם בליץ.

דײַן מויל

דײַן מויל —
שוין פרי אַזוי
פֿאַרוועלקט.
דאָס שענסטע פרויען־מויל
וויאַנעט נאָך דער נאַכט.
אויך דאָס וואָרט
וועלקט שוין
אין מײַן האַרץ —
נאָר נישט דאָס גרינע פײַער
פון דײַנע יונגע אויגן.

דײַנע הענט
עפענען גילדענע פענצטער
אין חלום —
און רופן הילף בײַ נאַכט.
קיינער ענטפערט נישט.
נישט איך —
אויך נישט מײַן שאָטן.

בלויז
מײַן מויל —
אַ געפאַלן בלאַט —
נידערט
אויף דײַן פאַרוועלקטער ליפּ.
איך ווער
לעבן דיר
דאָס ליכטיקע ווידערקול
פון אונדזער ערשטער נאַכט.

אור הגנוז

פון מײַן גוף — וועט אַ מאָל אַ בוים זײַן,
אור־קוואַליק איז ער מיט גאָטס טרער;
מײַן צונג — פון סדומיקע, זאַלצן
שטאַמלט מיט ביטערער ערד.

צי וועל איך אַ מאָל אויסשיטן
דאָס גאַנצע זאַלץ פון מײַן גוף?
צי וועלן די בלעטער און וואָרצלען
דערהערן מײַן אייביקן רוף?

בײַם ים־ברעג איך בין אַ שטיין בלויז,
פאַרוועבט מיט שימלדיק גראָז;
שוין רופט מיך אַהיים גאָטס ווײַנהויז
צו טרינקען פון אור הגנוז.

ציין

אַ שורה ווײַסע, שיינע, פֿאַלשע ציין —
זיי שפּעטן פֿונעם מויל: נישט מיר, נאָר דו וועסט פֿאַרגיין;
דו עסט דאָס ברויט — און פּילסט נישט מער זײַן זאַלץ,
דאָס וואַסער שווענקט דײַן גומען ווי אַ האָלץ.

יעטווידע נאַכט — אַ חלום בליט פֿון מײַנע פֿאַלשע ציין.
זיי דרימלען שטיל אין גאָלדיק גלאָז פֿון ווײַן;
און איך אַליין — כ׳בין שוין מיט אייביקייט באַשטראָפֿט,
אַ שטילינקער איך הער צײַנלאָז פֿונעם שלאָף.

אַ מאָל, אַ מאָל — ס׳קאָן אַנדערש שוין נישט זײַן —
וועסט הייליק האַלטן אינעם ווײַנגלאָז מײַנע טויטע ציין,
און איך — איך וועל אין ווײַסער רו שוין וויסן אַלץ —
און אויפֿגיין צוריק פֿון ערד מיט גוטן ברויט און זאַלץ.

נאַכטליד

צוויי אַזייגער בײַ נאַכט.
בלויז דער מילכוועג
און די ווייַנענדיקע
זענען וואַך.
דער שטיינערנער דיל
שלאָפט.
אויף דער סטעליע —
אַן אָוונטיקע גריל.
כ'צייל
די טרערן פון אַ גאַנצן טאָג
צווישן די פינגער —
ווי אַ בײַטשל קרעלן.
דאָס בוך
ליגט פאַרשעמט
און אָפן.
אָ, גאָט, נעם אַוועק
אַלע שטראָפן
פון די שטיינערנע טויטע שוועלן
און אויך פון מיר —
די וואַכיקע נאַכט
פון דײַנע אין־סופן.

צוויי אַזייגער בײַ נאַכט.
בלויז דער מילכוועג
און די איינזאַמע
זענען וואַך.
מײַן בעט —
אַ ליידיקער, ווײַסער סאַרקאָפאַג.
ער וואַרט

מײַן גוף אײַנצושטילן.
פֿאַרן פֿענצטער
אַ נאַכטפֿויגל רופֿט
אין קלײנע, צעבראָכענע טרעלן:
וווּהין?
וווּהין?
וווּהין?

עמעץ גײט אַראָפּ פֿונעם מילכוועג —
דורך ווײַסע מירמלנע שטיגן,
ער וועקט־אויף באַהאַלטענע גרילן
און עופֿעלעך אין צעבראָכענע וויגן.
דערנאָך רופֿט ער אויס אַלע טויטע
צום אָפֿענעם בוך
ווי צו אַ תּורה.
כ׳הער יעדן קוש אויפֿן פּאַרמעט,
כ׳הער שוין: ער רופֿט אויך מײַן נאָמען
און די ליפּן פֿליסטערן: אָמן.

צוויי אַזײגער בײַ נאַכט.
דער מאָרגנשטערן
זינקט אין ים,
געקעפּט פֿון לבנהס זילבערנער האַק.
די ציפּרעסן־שאָטנס ווערן בלאָ,
ווײַס און פֿיאָלעט,
און פֿירן מיך אונטערן אָרעם
צום בעט —
צום ווײַסן, אָפֿענעם סאַרקאָפֿאַג,
צו ווערן
באַלזאַמירטער שלאָף
לעולם ועד.

הילצערנע טרעפּ

הילצערנע טרעפּ
פירן צום הימל,
ווער טרײַבט מיך און יאָגט
צום חלום אין דרימל?

פאַרשלאָסן, פאַרזיגלט
שוין אַלע טירן.
ווער וועט פון חלום
אַהיים מיך פירן?

אפשר דאָס פענצטער
וואָס איז שוין בלינד?
אפשר דער זקן,
וואָס וויינט מיטן ווינט?

ווער וועט מיך וועקן
פון חלום און אימה?
אפשר דער שטערן,
וואָס פאַלט אויף די ביימער?

בלויז דײַן שטערן
געשיקט פונעם הימל —
ער וועט מיך וועקן
פון חלום און דרימל.

באַשיץ דעם צעבראָכענעם טיש

צוויי אָרעמע ייִדישע חלות
אויף מײַן שוואַרצן, צעבראָכענעם טיש.
צוויי זונען, וואָס האָבן פאַרלוירן
זייער שבתדיק־ליכטיקן לבוש.

זיי דרימלען אויף פראָסט־פשוט האָלץ —
פאַרלאָשענע, טויטלעכע קעפּ.
צערונען פון זיי איז דאָס גאָלד,
פאַרהילטע זיי ליגן אויף קרעפּ.

פאַרקלעמט שטייט די פרוי. זי וויינט,
געשטרעקט אירע ליכטיקע הענט:
— ווי קאָן איך זיי בענטשן אין פּײַן,
אונדזער חלום, וואָס ליגט דאָ פאַרשעמט?

זי וויינט. אַ טרער ווי אַ קרעל
נידערט ליכטיק צום האָלץ פונעם טיש.
דער חלום — קומט צוריק אויף דער שוועל —
ס'האָט די טרער אים גערופן, געקושט.

זיי לײַכטן שוין פײַערדיק־רויט
אונטער הימלען גאָלדיק־צעברענט.
די פרוי — זי העשעט נאָך אַלץ,
דער ים — טרייסט מיט שוימיקע הענט.

דער ים און די טרער פון אים ברויזט,
די חלות, געצונדן אין קוש.
באַשיץ אונדז, באַשעפער, דאָס הויז,
באַשיץ דעם צעבראָכענעם טיש.

אונדזער נס

אַלע בעטלערס קנִיען אויף מײַן שוועל,
דער בעל־שם־טוב טײלט זיי ווײַן און לעקער.
מײַן אָרעם ליד — בטחון איז דײַן זעל,
קעגן פּחדים פֿאַל נישט און נישט שרעק זיך.

אַלע בעטלערס וואַשן זייערע פֿיס
אין בלאָע וואַסערן פֿון אונדזער אַלטן ברונעם.
דאָס ברויט איז ווידער מילד, דאָס וואַסער — זיס
און ס׳צאָרנט נישט מער דער טויט אויף אונדזער פּנים.

אַלע בעטלערס זאָגן פּאַרכטיק שירה,
מײַן טויטער טאַטע דאַוונט אין דער מיט,
די מידבר־נאַכט האָט אַלע שטערן אירע
געצונדן פֿרום אין אונדזער ייִדיש ליד.

פֿאַר וואָס קלאָגן נאָך אַזוי די הימלען?
פֿאַר וואָס קנִיען נאָך אין שטויב די געסט?
זיי זענען שוין נישט טויט די טויטע, נאָר זיי דרימלען
און בענטשן פֿונעם שלאָף דאָס ליכט פֿון אונדזער נס.

1955

דערמאָנונג

צו ב. ה.

דו האָסט באַגלייט מיט ווייטיק
און מיט רויטן צאָרן
מײַן אָפּשייד־טראָט —
יענעם טאָג פון פוילנס ווינטער פרוּעז.
דו האָסט געזאָגט:
אָט לעשט זיך שוין אין דיר
דאָס פײַער פון אַזוי פיל יאָרן,
די צווײַג, וואָס האָט געגרינט,
וועט אויפהערן באַלד צו בליִען.

נאָר הער, ברודער ליבער:
דורך אַלע פּײַנען, טרערן און קרבנות
פאַרבונדן איז נאָך אַלץ דאָס האַרץ
מיט דײַן זיג און שווערער שטרויכלונג.
און ס'האָט די צײַט —
מיט אַלע זשאַווער־ציין פון אירע בראָנעס —
גאָרנישט נישט געשלײַדערט
אינעם תהום די אַלע שיינע הייכן.

איצט ווייס איך —
ווּ ס'ליגט דער סוד
פון מײַן וויי און צאָרן.
איצט ווייס איך —
ווּ ס'גרינט דער בוים פון מײַן חלום:
די ווײַטע ערד אין סיני־מידבר —
זי איז מײַן גרינע היים געוואָרן,
די ערד, וואָס שפּראָצט מיט ליבשאַפט
און אויך מיט טויט אין אַלטע טאָלן.

און אויב עס וועט אַ מאָל אַ צווײַג
אין פּענצטער מײַנעם — ווידער בליִען,
און אויב עס וועט אַ מאָל דאָס וואָרט
בײַ נאַכט מיר ליכטיק ווערן —
איז דאָס אַדאַנק מײַן צאָרן
פון יענעם ווינטער פּריִען —
אַדאַנק דעם פײַער־בונד
פון ליכט און טרערן.

1955

צו אַ ייִדישן דיכטער

ל. א.

פֿאַרברען די שוואַרצע טויטן־נאַרע,
פֿאַריאָג די גרילצנדיקע סאָווע,
פֿאַרלעש דאָס מתים־ליכט — די זמאָרע
פֿון גרינע ווערעם־נעכט געבאָוועט.

גיס־אויס די שוואַרצע טרויער־עמערס,
אָנגעפּולטע מיט געשפּענסטער,
זאָלן אויפֿגיין די כּלי־זמר,
עפֿן, עפֿן זיי די פֿענצטער!

שניי — איז ווײַס, ברויט — איז גוט,
זוך נישט פֿונעם דמיון פֿאַרבן:
דער בוים איז גרין און רויט איז בלוט —
און שיין איז אויך די צײַט פֿון שטאַרבן.

דאָס העמד איז ווײַס און שוואַרץ — די שיך,
דער האָן צערײַסט די נאַכט באַגינען;
און ווער ס'וועט בלײַבן אויף דער נאַרע —
דאָס ליכט וועט אים נישט מער געפֿינען.

1955

סטראָפן

צו אַ געפאַלענעם ייִנגלשן שאָטן

לזכרון דעם געפאַלענעם אורי חדד ז״ל

פאַר וואָס שווײַגן מײַנע פינגער
מיט אַזוי פיל שוואַרצע נעבט?
פאַר וואָס פליסטערן מײַנע ליפּן
פון אַזאַ פאַרייִאושטן ווינט?
אַלע ווערטער ייִדישע
זענען זיי ווי
שוואַרצע נעבט
מיט ווינט —
זיי זענען ווערטער
נישט פון גוטס
און נישט פון שלעכטס, —
ווערטער, וואָס קאָנען
קיין מאָל נישט וויינען
אַזוי ווי איך איצט
צופוסנס פון באַרג.

כ׳עפן דיר די טיר.
דו קניסט אויף דער שוועל.
קום אַרײַן, מײַן געפאַלענער,
מײַן זיגנדיקער קרבן!
כ׳האָב דיר געגרייט דאָס בעט
מיטן ווייכסטן גראָז,
אויף דעם טיש געגרייט
מיטן שענסטן ברויט.
בלויז

דײַן ייִנגלשער שאָטן —
ער פּעלט בײַם מאַלצײַט.
דו
און מײַן טרער
אויף דער ווימפּער —
זײַ פּעלן בײַם טיש,
כּדי מיר זאָלן בײדע װײנען
בײַם עסן דאָס ברויט.

ווי לאַנג
דאַרף איך זיצן אויפן דיל,
כּדי פון אונדזער שטומקייט
זאָל ווערן
אַ ברעקל בלאָער צוויט,
אַ קנאָספּל ראָזער בעז ?
ווי לאַנג
דאַרף איך וואַרטן
אויף דײַן געפאַלענעם שאָטן,
כ'זאָל קאָנען אָפּווישן
די שוואַרצע נעכט
פון דײַנע ייִנגלשע ווימפּערן ?

עפנסט פאַר מיר אויף ס'נײַ
דעם פעלדז ווי אַ טיר —
און כ'זע
ווי דו גייסט אַרײַן אין איר,
פאַרזיגלט מיטן ליכט
פון דײַן געפאַלענעם ייִנגלשן שאָטן.

די באַרגוואַנט

ווי אַזוי ביסטו אַרויף אויבן —
אויף דער באַרגוואַנט?
מיט דײַן דורכזיכטיקן גוף,
מיט די פינגער,
וואָס האָבן נישט קיין שאָטן?
מיט אויגן פאַרשלאָסענע אין יונגקייט?
ווער האָט דיר אויסגעגליכן דעם שיפּוע
פון גראַניט,
פון בראשיתדיקן שטיין?
ווער האָט אויפגעהויבן דיר
די טאָלן
און געמאַכט אַזוי נידעריק
די פעלדזן?

דאָס זענען געווען ז״י —
די גופים אָן שאָטנס.
די ביינער
וואָס זענען ווידער
געוואָרן ערד
אונטער די וואָלקנס
פון פוילנס אַלע טויטן־טאָלן.
ז״י
האָבן דיך געפירט
אונטערן אָרעם
אַרויף צו דער באַרגוואַנט.
ז״י
האָבן געהערט
דײַן האַרצקלאַפּן
אַזוי שטיל

און פאַרכטיק
ווי זיי הערן דעם ווינט וויינען
אין זייערע טויטנטאָלן.

זיי
האָבן דיך געפירט
אַרויף
צו דער באַרגוואַנט,
כּדי מיר,
אונטן,
אין די גרינע טאָלן,
פײַכטע פון אונדזער טרער,
זאָלן תּמיד זען
דײַן פאַלן,
דײַן דורכזיכטיקן גוף,
די ייִנגלשע פינגער
וואָס האָבן נישט קיין שאָטן —
און אויך נישט קיין אימה.

אויפן גולן 1967

אַנטואַנעט פון טולוז

אַנטואַנעט — דאָס דאַרע מיידל פון טולוז
איז בלינד.
דער שטרויהוט אויף איר קאָפּ —
אַ טויטע זון,
געפאַלן פון הימלס בלאָער הייך
מיטן ערשטן ווינט.

אַ שטראַל, געצונדן פאַר איר פינצטער אויג,
שווימט נידעריק אויפן גאַניק ווי אַ פיש.
אַט פאַנגט זי אים, אַט ליגט ער אויף איר שויס,
אַט בריט ער אויף איר מויל — אַ פאַרליבטנס קוש.

דאָס זיַידנטיכל פלאַטערט אין איר האַנט —
אַ שמעטערלינג מיט ווונדן און מיט פאַרבן.
זי זעט אים שוין, אַט גלעט ער שוין איר הויט —
אויך אַלע שמעטערלינגען ווערן בלינד אין שטאַרבן.

דאָס גרינע קלייד אַרום איר דינער היפט,
די ברענענדיקע פאַרב פון רויטן ליפּן־שטיפט —
אַלץ בליקט אַרויף, אַרויף צום אויג, וואָס זעט:
דער שטרויהוט איז נישט מער אַ טויטע זון,
דער שמעטערלינג — ער פויזעט מער נישט בלינד אין גראָז,
אויך דער שטראַל — אַ פיש, געפאַנגען אויף איר קני,
צאַפּלט הייס מיט גאָטס רחמימדיקן גלי
און זינגט, און זינגט פאַר אַלע בלינדע —
און אויך פאַר דיר,
מיַין אָרעמע אַנטואַנעט פון טולוז.

תּימנער מיידלעך

מײַן טעכטערל עוואַלעז —
אויסגעגאַנגען אין געטאָ 1940

טאַנצן תּימנער מיידלעך —
דאַרע, מידע ציפּרעסן.
דאָס מיידל פון פּוילן, פון געטאָ —
איך קאָן נישט, איך קאָן נישט פאַרגעסן.

די פּאַלמע איז הויך און טרויעריק —
טרויעריקער איז מײַן טאָפּאָליע.
דער אָדלער שווימט איבער בערג —
די גראָע שוואַלב איז מײַן דאָליע.

די תּימנער מיידלעך שווײַגן —
פעלדזן פון נגב און כּרמל.
באַשעפער פון אונדזערע וועלטן,
באַשיץ זיי מיט ליכט פון דערבאַרמונג.

די תּימנער מיידלעך וויינען —
זיי זינגען פון קעמלען און יִדן.
באַשעפער פון אונדזערע וועלטן —
היל זיי מיט ליכט און מיט פרידן.

זאָלן די תּימנער מיידלעך
קיין מאָל נישט שטאַרבן פריצײַטיק.
פאַרהיט מיר די ליבשאַפט צו יענער
אין זייער טאַנצן, שווײַגן און ווייטיק.

1953

שוועבנדיקער גײַסט

מיך פרייט דער פויגל מיט זײַן טריל,
מיך טריבט דער ערשטער טראָף פון גריל.
מיט גרינעם בלאַט, וואָס פאַלט פאַרשמאַכט,
איך ציטער פון דײַן סוד בײַ נאַכט.

מיך פרייט וואָס כ׳בין דאָס וואָס כ׳בין
און ווער פאַרוועבט מיט גראָער שפּין.
און ווו איך בליק און ווו מײַן ווענד —
ווער איך פאַרקלעמט פון מלאכס הענט.

דער מלאך שיצט מײַן מינדסטן טראָט,
און היט פאַר מיר איטלעך געבאָט —
איך זאָל אין מײַן פאַרגאַנג בײַ נאַכט
פרעמד נישט ווערן פון גאָטס טראַכט.

דערפאַר בין איך אַליין נישט מער,
מיך פרייט מײַן פרייד, מיר זינגט די טרער,
און ווו איך האָב מײַן פוס געשטעלט —
דאָרט גליט אַ ליכט־שײַן אויף דער שוועל.

כ׳וועל נישט אַרויס פון פרייד, פון וויי,
כ׳בין ס׳זילבער־פּלאַטערל פון ערשטן שניי,
כ׳בין ווײַסער נעפּלס — מאָרגנגרוי
און כ׳פאַל אויף ערד מיט ערשטן טוי.

אַזוי וועל איך אין קאַראַהאָד
אַרויסגיין און אַרײַן אין גאָט,
ביז ווידער כ׳וועל — ווער ווייסט באַשייד ?
זיך האַלטן בײַ דער מאַמעס קלייד.

כ׳וועל ווידער שטאַמלען שיין מײַן ליד
פון טרער, פון פרייד, פון אַלץ, וואָס בליט,
פון אַלץ, וואָס לעבט און פאַלט אין קרײַז
פון ערשטן שוועבנדיקן גײַסט.

צו אַ געפֿאַלענער שוואַלב

זײַ מוחל —
מײַן יונגע, געפֿאַלענע שוואַלב.
בײַם גרינעם מולד,
אין ציפּרעסן־פֿינצטערניש,
האָט דיך
דער טויט באַגעגנט
אויפֿן קרייצוועג.
דו רוסט.
און ס׳רוט מיט דיר
פֿאַרפּלאָנטערט
צווישן ציפּרעסן־שאָטנס,
וואָס זענען גרין און שוואַרץ,
אויף דער פֿידל־חלל
פֿון מײַן געפֿאַלן האַרץ.

מײַן שויב
ציטערט
אינעם נאַכטליד
מיט יאָמער־רייד
פֿון יעדער פֿלאַנץ
אין מידבר.
כ׳האָב ערשט געזען: דער לינדסטער ווינט
פֿאַרזיוועט קושט די ערד
און אַלע גרינע וואָרצלען
פֿון דער נאַכט.

און איצט —
מײַן יונגע שוואַלב,

דו ליגסט בײַם קרײצװעג
אין ציפּרעסן־פּינצטערניש
צװישן שװאַרצער תּבואה
און גאָטס אײנזאַם אױג.
װי זילבערדיק דו בלענדסט
אין דײַן לבֿנה־אָרון
אױפֿן קרײצװעג.
שױן גײען זײ —
אַלע נאַכט־ריטער —
די שװאַרצע מוראַשקעס — אױפֿהײבן
דײַן קלײנעם גוף פֿון לבֿנה־פּאַרמעט
און אים װיקלען אינעם שװאַרצן בלאַט
פֿון באַנאַנע־בױם.

אױך איך —
איך װאַרט װי דו
אױף גרינע פֿינצטערניש,
װאָס רופֿט צום ברעג
הינטער
די ציפּרעסן־שאָטנס.
מײַן נאַכט איז נאָך אַזױ אָ גרױס,
גרעסער פֿון גאָטס פֿאַרגליװערט אױג
איבער די ציפּרעסן־קרױנען.

זײַ מוחל,
מײַן יונגע,
טױט־געפֿאַלענע שװאַלב.
אױף אַלע קרײצװעגן
זינגען די נאַכט־מוראַשקעס
צו דער פֿינצטערניש, װאָס האָט דיך שױן

געפֿאַנגען.
זיי פֿירן דיך אַראָפּ, אַראָפּ
צום לעצטן זינגענדיקן טאָל
צום שענסטן זינגענדיקן טאָל.

צו יוליאַן טוּווים

אין טאָג פון קבורה פון טוּווימס מוטער
אויפן ייִדישן בית-עולם אין לאָדזש.

דײַנע הענט
פאַרצווייַגטע
בײַם ייִדישן קין —
זיי זענען נישט טויט.
דײַנע פינגער
גליִען
מיט אַלטע
ייִדישע ווערטער,
מיט טראָפּן
און דערנער.
צווישן זיי —
אַ וואָלקן
געשטאָרבן אין שניי.
דאָ ברענט נאָך
דער סנה
פאַר דײַן ייִדישער מאַמען.
זי שטייט
געבויגן אין דרייַען
איבער די לײַכטער פון שבת —
ווי דו
איבער דײַנע שיינע טראָכייען.

דײַנע קנאָכיקע
ייִדישע הענט
האָבן
דעם ליכטיקן זכות
צו טראָגן

איר קליינעם
ייִדישן גוף
צו דער ערד
צווישן ייִדישע אָבות.

איצט
זענען
דײַנע ייִדישע פינגער —
פלייטן צעקרישלט אין פײַער.
דו זינגסט
מיט טויטע ייִדן
אין אַלע פאַרברענטע קלויזן.
ווײ, ווי ס׳וויינט צו אונדז
דער קברנישער רידל
צווישן דײַנע
שיינע, ניגונים־טראַכייען.
בײַ נאַכט
איך הער
פון דײַנע פלייטן־פינגער
אַלע זיפצן
און קינות
אויף אונדזער אַלטער
ייִדישער פידל
פון בעל־התּהלים.

בײַם אהל־פּרץ

אין זײַן 60סטער יאָרצײַט

שטילער, שטילער...

דער האַלבער קופּאָל איבער דיר —
אַן איבערגעקערטע ימיקע מושלע
פֿון אונדזער זכּרון.
ווי שטיל
פֿלייצט דײַן היילנדיק ליכט
איבער אונדז —
שטילער, שטילער,
שטילער ווי די שטילקייט.

נעמט אַוועק די פֿאַרוויאַנעטע צווײַגלער
פֿון זכּרון —
ס'איז בליצײַט אין יאָרצײַט.
לאָזט די קינדער
אַוועקלייגן אויפֿן שטיין
זייער ווײַסן פֿרילינג:
בלענדיקער חלום,
ערשטע צוויטן —
מיט קאָכיקן רויט
פֿון טויטע הערצער.

וואָס שווײַגן מידע
די שטאָלצע טוליפּאַנען,
געפֿאַלן אין גבורה?
נעמט־צו די דנאָיִקע נאַכט
פֿון זייערע ברעמען.

זיי ווילן עטעמען
מיט ליכט,
מיט שטילקייט.
עטעם דו אויך שטילער —
שטילער, שטילער
ווי די שטילקייט.

פון קריגעלער פולע מיט הימל
טרינקען די צווייַגן
זייער חלום.
לאָמיר צוטראָגן צו זיי
די ליפּן,
די טויטע הערצער,
וואָס זענען אַזוי דאָרשטיק
נאָך ליכט
און זכּרון.

נאָר ווער וועט די הילצערנע קלויזן —
די טויטע,
פאַרברענטע —
שטילן די ווונדן ?
ווער וועט פאַרלעשן
דאָס גליווערדיק בלוט
אין טייַכן,
וואָס פלייצן אַהער
פון די ווונדן ?
— דאָס ליכט,
די שטילקייט,
דער זכּרון —
זיי וועלן אונדז היילן.

זיבן מאָל
גיי אַרום דעם שטיין
און זאָג:
דאָ ליגט דער שענסטער חלום
פון דורות,
וואָס איז נישט טויט.
דאָס טויטע שלאָפנדיקע האַרץ,
וואָס איז נישט טויט.
דאָ שלומערט דער ניגון
פון אַלע ווייַסע קיטלען,
פאַרברענטע אין שייַער.
דאָ זינגט
און תּפילהט
דאָס קלענסטע, אות
מיט אייביקן פייַער.

באַקלאָג נישט דעם טויטן —
ער עטעמט צווישן אונדז.
באַקלאָג נישט דעם געשטאָרבענעם —
ער גייט צווישן אונדז.
מיטן שטערן נידער צום שטיין —
נישט וויין.
מיר זענען פאַרשטיינטער זכּרון
פון געוויין
און קרבן
און קלייַבן יעדעס אות
פונעם נעפּל.

און ווער וועט פאַרטרייַבן
דעם שׂטן?

— די קינדער
פון מאָרגן,
וואָס טראָגן דעם הימל מיט טרערן,
זיי וועלן פאַרטרײַבן
דעם שׂטן.
זייער אויגן־געבעט,
ווײַס און פאַרשטילט,
וועט אונדז היילן, היילן.
היילן מיט שטילקייט,
מיט ליכט,
מיט ניגון
פון אַלע טויטע הערצער.

ווי שטיל פלייצט איצט
דײַן היילנדיק ליכט
איבער אונדז —
שטילער, שטילער,
שטילער ווי די שטילקייט
אין אונדזער פאַרשטיינטן זכּרון.

1976—1950

בײַם פּראַגער דענקמאָל

דער דענקמאָל
פון די פיר —
שטייט פאַרהילט מיט אַ שירעם
פון רעגן.

אַ בלינדער אינוואַליד
מיטן ווײַסן שטעקן אין האַנט
קניט
אינעם רעגן
אויפן ערשטן טרעפּל.
ער קוקט אַרויף,
מיט פאַרקלעפּטע זעלנערישע אויגן
צו די פיר.

שטיל שלאָפן
די בלומען אינעם רעגן
אויפן צווייטן טרעפּל.
נעכטן
האָבן זיי דאָ אַוועקגעלייגט
אין זון
די שולקינדער פון פּראַגע־צפון.

ס'האָט קיינער נישט געזען
(בלויז איך און דער רעגן) —
ווי זיי זענען אַראָפּ,
די פיר געשטאַלטן,
פון שטיינערנעם געשטעל,
פון אַלע פיר זײַטן פון דער וועלט,
און מיט בראָנדזענע הענט

אונטערגעהויבן
דעם בלינדן אינוואַליד
און
אים געזעצט לעבן זיך
מיטן ווײַסן שטעקן אין האַנט.

איצט שטייט שוין דער דענקמאָל פון פינעף,
פאַרהילט מיט אַ ליכט־שירעם פון רעגן
און בלענדט־אַרויס פונעם נעפּל.

1949

פראַגער אָקטאָבער

דער בוים פלאַמט אין פראַגער פּאַרק,
אָקטאָבערדיק־שטיל איז זײַן גאָלד.
די ווײַסל מיט צויבער פון שטאָל
האָט אויך דעם אָקטאָבער באַשטראַלט.

ווער האָט צעבראָכן די קייט?
ווער האָט צעריסן די שטריק?
— די ווײַסל, די טראַסע פון שטאָל —
זיי לאָזן די נאַכט נישט צוריק.

צוויי ברעגעס פון וואַלד און פון זאַמד,
דעם דריטן — פאַראייניקט גראַניט.
די ערד, וואָס האָט נעכטן געפלאַמט,
האָט זיך פאַר איר חלום געמיט.

דער בוים, וואָס האָט נעכטן געקניט,
מיט פּעטליע פאַרוואָרפן אויף האַלדז,
ער האָט פון אָקטאָבער דאָס גאָלד
מיט שטערן געמישט און מיט זאַלץ.

דעם שטערן — פון אונטער דער בריק,
דאָס זאַלץ — פון דײַן ייִדישער טרער.
איצט הענגט אין אָקטאָבער זײַן קרוין —
אַ שאַרפע, גינגאָלדענע שווערד.

אַ שאָד נאָר די טויטע... זיי וואָלטן
מיט מיר איצט געשטאַנען אויף בריק.
מיר וואָלטן געאָרעמט געגאַנגען,
די העלדזער, באַפרײַטע פון שטריק.

זיי וואָלטן דאָס פּנים געוואַשן
אין ווײַסלס בלאָלעכן וואַסער;
און אפשר — מיט ליפּן פֿאַרפּרעסטע
געגלעט יעדן שטיין פֿון דער טראַסע?

זיי וואָלטן געפּליסטערט, געבעטן,
געפּרייט זיך אין ווינט אינעם האַרבן:
מיר האָבן דאָך גאָרנישט פֿאַרשפּעטיקט,
אַ שאָד נאָר דאָס אומזיניק שטאַרבן...

וווּ ביסטו, אָ, היים מײַנע טויטע,
וווּ איז מײַן שליחות צו דיר?
די וועלט — זי האָט מיר פֿאַרריגלט
דאָס ליכט צו דײַן אָפֿענער טיר.

אָקטאָבער־נאַכט ברענט אויף דער ווײַסל,
די פֿאַליעס — זיי צינדן מיך אָן.
יעדער ליכט־לאָמפּ — אַ לײַכטנדיק פּנים,
יעדער שטערן — צעשמייכלטער מאָן.

אָקטאָבערדיק פֿלאַמט איצט דער פּאַרק,
כ׳קלײַב בלעטער פֿון ליבשאַפֿט און גוטס.
די בריק, וואָס ברענט אינעם ליכט,
וועט זײַן מיר אַ פּאַנצער, אַ שוץ?

1960—1950

עפּיטאַפן

ה. לייוויק

א. וואָס רופסטו מיך אין מיטן נאַכט?

וואָס רופסטו מיך אין מיטן נאַכט, דערבאַרעמדיקער גײַסט,
אויף וועלכע וועגן לוּערסטו צו מײַן אייביק הויז?
אַ שטיינדעלע אַ וויסטס — מײַן וואָרט — בײַ דיר זוכט טרייסט
און פאַלט מיט טויזנט דונערן פאַרשעמט צוריק אין שויס.

וואָס רופסטו מיך אין מיטן טאָג, דערבאַרעמדיקער גײַסט,
ווען ס׳פּיצל ערד — מײַן גוף — מיט פאַרשעמונג בליט?
אין רחמים בלענדיקן מײַן בליפעלד דו פאַרשנייסט,
מאַכסט הונגעריק מײַן שטויב צום גרויסן פלאַם און שניט.

וואָס זינגסטו מיט דײַן שטערנליכט, דערבאַרעמדיקער גײַסט,
צי איז מײַן בלינדער זיפץ פון שירה די רפואה?
אַלע פעלדער גרינען בלינד אונטער בלאָען אײַז,
אַ נײַע זון צעפלאַטערט הינטער קאַלטער וויִע?

צו פרי מײַן בעט אַ נעסט פאַר ווײַסע פייגל זיבן
פון דײַן שטערנהויכקייט, דערבאַרעמדיקער גײַסט;
כ׳האָב נאָך דײַן שווערדן־שאַרף נישט אויפגעהערט צו ליבן
און קני נאָך אַלץ געפאַנגען אינעם ווײַסן פויגל־קרײַז.

דערבאַרעמדיקער גײַסט, דו האָסט מײַן פאַלנדיקע פען
געשניצט פון דאָרנצוויט און אַלטן פלאַמענדיקן שטיין;
איצט גליט צוקאָפּנס מיר דאָס וואָרט — אַ בליץ אין בלענד,
און וויל די שטויבן־וואַנדערונג, די פינצטערניש פאַרשטיין.

איך טרעט צו דיר, איך גיי, דערבאַרעמדיקער גײַסט —
און מיט קדושה כ׳טראָג די שוואַרצע קרוין פון גזר;
שוין בליט מײַן וועלט און כ׳זינג פון ערשטן, ערשטן שניי —
און קלײַב די פּערל פון דײַן ליכט, דערבאַרעמדיקער האַר.

. די גרינקייט זינגט

י גרינקייט זינגט. אויף שטאַרבנדיקן נאָדלבלאַט דו הערסט אַ זיס געפּלוידער.
ער זונפלעק איז אַ מוילקריַיז. ער קושט פון צוויַיגנקנאָספּ די ברוסט;
לויז דו, מיַין אויג, צופוסנס פונעם בוים דו טרערסט און שוידערסט:
אַ פויגל שטאַרבט. זיַין רויטער שנאָבל, ווי אַ מעסער, אויפגעפּראַלט צו גרינער לוסט.

א, פויגל וויַיסער, ווער האָט דיַין האַרץ אין זינגענדיקער נעץ געטריבן?
ווער האָט געפאַנגען דיַין געזאַנג אין גרינעם סם פון וויגנדיקער צוויַיג?
אויך איך, אין גרינקייט שוימיקער, כ׳האָב יעדעס אות פרילינגדיק געשריבן
און איצט — די שוואַרצסטע שורה לעבן דיַינע פויגלפּיס איך לייג.

ס׳וועט זיַין אַ מאָל אַ קרוין פון אַלע אונדזערע טויטע, שטומע נעסטן,
ס׳וועט אַ מאַמעשוואַלב פון ערד אויפהייבן דאָס שוואַכסטע שוואַלבנקינד;
ס׳וועט זיַין דער ווינט, דער רעגן און דער טוי, זיי וועלן נישט דאָס אות פאַרגעסן
און ס׳וועט נישט מער די שריפט דער וואָלקן שריַיבן איבער אונדזער האַרצן בלינד.

ו זינגסט צו מיר, מיַין מידער פלאַטערער, דאָס לעצטע מאָל מיט פאַרקרימטע פליגל,
אָר דיַין פויגלהאַרץ וועט קיין מאָל נישט אין גאָטס וואַלד אַנגסטיק בליַיבן שטיין;
אַרשליס אויך דו מיַין וועג אינעם אין־סוף מיט דיַין זינגענדיקן שטערן־עיגול,
ס׳זאָל קריַיזן אייביק פון דאָס ניַי מיט דיַין געזאַנג פון אויפשפּראָץ און פאַרגיין.

אָקטאָבער 1958

יעקב גלאַטשטיין

א. זילבן

דו האָסט געוווסט: דײַן גאַנצע קרוין
איז אַן אַלטער ספּאָדיק מיט גראָע מילבן,
און דאָך דײַן האַנט געפּלאָנצט האָט, געזייט —
פּאַרזייט קרישטאָליקע, גילדענע זילבן.

געזייט און געזילבט. ווי אַן אַלטער פּויער
געטרילערט צום הימל מיט זילביקע זוימען.
דײַן הימל — הויל, ביטער — דער פּאַרזיי
פון בראַצלאַווערס זיפץ און טרעבלינקער קוימען.

אין מידבר געזייט, אין דער קלעם געפּלאַנצט —
„שטויב, וואָס האָט אָנגעטאָן אַ שטײַפן הוט".
פּאַר אונדז האָט דער שטויב געפּאַקלט, געבלענדט
„אין פּאַרדאַרטע שוואַרצע פלעקן פון בלוט".

פּאַרצוקט איז שוין אַלץ. די גאַנצע סטאַדע.
געבליבן איז בלויז דער פּוסטער פּאַליי.
מיט דײַנע שטראַליקע, טויטע ייִדן
קוש איך די זילבן פון דײַן פּאַרזיי.

ב. ייִדישטייַטשן

דייַנע טריבע ייִדישטייַטשן —
אונדזער וויינענדיק עשירות.
פון די לובלינער שבת־לייַכטער,
פון די קרומע פענצטער —
ברענען מער נישט די טראַקטן.
אַלע שמייכלען פון אונדזערע טויטע קינדער
ווערן ווידער וואַך אין דייַנע ייִדישטייַטשן.

די ערד —
איז בלויז פאַרן גוף אַ באַהעלטעניש —
נישט פאַר די מצבהדיקע ייִדישטייַטשן.
דאָס האַרץ פון יעדן פראָסטן ייִד
נעמט דיך אַרייַן אין זייַן היכל פון נויט.
ווײַ, ווי ס׳ברענט אויף אונדזער קאָפּ
די קרוין פון קראָפּעווע.
אַזוי ברענט אויך די קרוין,
וואָס האָסט איבערגעלאָזט
אויף אַלע אונדזערע פאַרשעמטע, קליינע
ייִדישטייַטשן.

ג. יעקב אבינו

יאָרן זיבן מאָל זיבן געדינט צום סידורל ייִדיש.
זיבן מאָל זיבן געשטרויכלט אויף הימלישן לייטער.
איצט איז דער שומר געגאַנגען שוין שלאָפֿן,
געקושט פֿון די שאָטנס און ייִדישן שײַטער.

ווי גרינג ס׳האָט דײַן האַנט פֿון ברינעמער טויטע
באַפֿרײַט די מאָכיקע, אַלטע שטיינער.
די שעפֿסן געפֿיטערט אויף ביטערע לאָנקעס,
מיט תּהלים געקריינט די טויטע ביינער.

ביז איין מאָל אַרויס איז דער מלאך פֿון תּנך,
געפֿירט מיט לובלין אַ פֿײַער־געפּעבכט.
זינט דעמאָלט: דו ביסט אונדז די הייליקע שלאַכט
פֿון יעקב אבינו — גאָטס שומר און קנעכט.

ד. דײַן טאַטנס שאָטן

מײַן פֿאַרברענטער טלית פֿון בראַנדיקן אוישוויץ —
פֿלאַטערט־אַריבער צום ניו־יאָרקער ברך.
ער פֿלאַטערט אַהין מיט דײַן טאַטנס שאָטן,
וואָס האָט דיך געקריינט און האָט דיך געזיוווגט
מיט רחמים, מיט נויט און ייִדישן פּיוט.

מײַנע תּפֿילין, פֿאַרברענטע אין בראַנדיקן אוישוויץ,
זוכן דײַן שטערן, כּדי אים צו קרוינען.
און אפֿשר איז בלויז דײַן טאַטנס שאָטן
דער ליכטיקסטער לוין פֿון אַלע לוינען?

טלית און תּפֿילין — אין גליִיִקן אוישוויץ,
אויבעט די שמות פֿון אַלטן תּהלים.
ווּ איז זײַן שאָטן? בלויז קראַנקע פֿייגל
זינגען צו אים אין ליידיקע מילן.

אַזוי האָט געזיוווגט דער הייליקער דור:
אַלף — מיט חלף, טרוימען — מיט קוימען.
ביז ס'וועט זײַן שאָטן זיך ווידער אומקערן
וועט גליִען דײַן פּיוט: פֿון טרערן און שטערן.

ה. דער חוזה

דײַן נאָמען: אַ סנה פֿון אַש.
דײַן לאַווע: פֿאַרגליווערטער שטיין.
ווי שיין דײַן מויל האָט געלידערט
אין פֿאַרהוילטן תּהום אַרײַן.

דײַן זילב: פֿאַרשטייניקט פֿײַער.
דער סנה פֿון פֿינצטערניש גליט.
אַלץ וואָס איז הייליק און טײַער
בליפֿעט אַרויס פֿון דײַן ליד.

צו ווענען דאָס וואָרט אונדזערס טראָגן,
דערבאַרעמיקער האַר פֿון די וועלטן?
לובלין וועט מער נישט באַקלאָגן
די בראַנדן פֿון יעקבס געצעלטן.

לובלין איז ווידער געשטאָרבן.
דער חוזה קושט דיר דאָס פּנים.
ווײ, ווײ, יעקב, דײַן קלאָגן —
ווי וועלן מיר לעבן איצט אָן אים?

פֿאַרהאַקט האָסט די טיר. ס'איז נאַכט.
און איך — בײַ דײַן ספֿר אַ מידער.
לובלין איז ווידער געשטאָרבן.
דער חוזה תּהלימט די לידער.

ז. יעקב גלאַטשטיין זינגט

האָסט מיך צעגרינט, אָ, גאָט, אין דײַן זינגענדיקן בוים,
כ׳זאָל פֿון זײַן װאָרצל טרינקען טרייסט און טרוים.
איז טרוים געװאָרן — שװאַרצער שפּאַרבער־פּלי,
איז טרייסט געװאָרן — אָװנטיקער שטערנגלי,
און װען דיר זינגט אַ לויב אַ פֿויגל אויף דער צװײַג —
כ׳פֿאַרגראָב די זילב אין זאַמד און מײַן תּפֿילה שװײַגט.

האָסט אויפֿגעהויבן מיך צו מײַן העכסטער הייך,
כ׳זאָל װערן פֿאַר דיר װינט, פֿון װאָלקן — לידער־רויך;
גערופֿן האָסטו מיך צו דײַן שטילסטער טיף,
צו זײַן אין טויטנאַכט דער אַנקער פֿון אַ שיף —
אַ טויטנשיף, װאָס קרײַזט אָן זעגל און אָן ליכט
און זוכט אין פֿינצטערניש אַ שטראַל פֿון דײַן געזיכט.

איך װייס: דער אַנקער ציט צום גרינעם דנאָ פֿון ים,
דער בוים, אין האָניק־צװײַט, זינגט צו דײַן שטערן־פֿלאַם.
נאָר בלויז מײַן װאָרט, װאָס האָט דײַן טרייסט געזוכט
װעט פֿלאַטערן צום אָװנטגלי װי אַ טויטן־טוך —
און ס׳װעט נישט זײַן די האַנט, װאָס האָט די זילב געשריבן,
און ס׳װעט נישט זײַן דאָס אויג דײַן יעדן סוד צו ליבן.

אויב האָסט אַ זינגענדיקן מיט שירה מיך באַשטראָפֿט,
פֿאַרהויל נישט כאָטש די טרייסט בײַם ראָזן הימלסוף.
זאָל איבער קרישלענדיקן װײַסן מידבר־שטיין
אויך זינגען דיר דאָס ליכט פֿון אונדזער טויטער היים,
און זאָל אין ריינער גנאָד פֿון דײַן פֿאָטערלעכער האַנט
מײַן מינדסטער זילבנשטויב נישט לײַדן פֿון קיין שאַנד.

כ׳בין בלויז אַ קליינער שטראַל געפֿאַנגען פֿון באַשאַף —
איצט קני איך בײַ דײַן שטול, אַ מידער פֿון געלאַף,
און בלויז די טרייסט, וואָס בליט פֿון טאַטע־מאַמעס הענט,
טרינקט־אָן מיט ייִדיש־טוי, מיט יונגער זילב און בלענד
אויף מײַן גוף, וואָס גרינט שוין אינעם זינגענדיקן בוים
און אַלע שטויבן מײַנע ווערן ווידער טרייסט און טרוים.

פרץ מאַרקיש

איך פליסטער דײַנע לידער... אויף הייסן זאַמד פון מידבר
איך עטעם מיט דײַן הויך און וויל נישט מער געדענקען:
אַ שטערן פאַלט אין זאַמד — איך פליסטער נאָך אין פיבער
דײַן איטלעך ליד, וואָס וויל נישט מוחל זײַן, נישט שענקען...

אַ שטערן פאַלט אין זאַמד... און איך בײַם גרינעם פענצטער
הער פון שטויב דײַן רוף: — אָ, ברידער נישט־דערקענטע!..
ווי שטאָלץ דו הייבסט דײַן האַרץ, דו בעסטער, אונדזער שענסטער,
צום תהום וואָס איז געגרייט פאַר דיכטער די געשענדטע.

„די ערדה איז געגאַן דעם טויט אַנטקעגן, גראָד
פון אומעטום, פון וואַנען ייִדן קאָנען גיין נאָר;
צוויי מיידלעך, שוועסטער צוויי פון לענינגראַד.
אַ ייִד פון מינסק. פון פּערוואָמייסק — אַ זקנה..."

איך פליסטער דײַנע לידער... ווי שטיל דײַן זקנה בליפּעט,
זי זיצט דאָ אויף מײַן שוועל, קלײַבט שמות די פאַרברענטע:
אַ שטערן פאַלט אין זאַמד... אַ פויגל בלויז טשיריקעט...
— אָ, ברידער מײַנע טײַערע, ברידער נישט־דערקענטע!..

איך פליסטער דײַנע לידער... אַ ליד מיט פײַכטער וויִע,
דער פויגל זינגט אין שויב מיט שורות אַ פאַרבלענדטער;
שוין צײַט, שוין צײַט בײַ הימלען רײַסן שוואַרצע קריעה
אָ, ברודער מײַנער טײַערער, דיכטער־קאָפּ פאַרשעמטער!

„מיט וויינענדיקע הענט געשטאַנען זענען זיי
איבער ראַנד פון גרוב, געשטרעקטע צו דעם לעבן,
און דורך די בלאַנדזשענדיקע וואָלקנס. אײַנגעהילט אין שניי
דעם פּײַן, ווי אַ צוואָה האָבן זיי דער וועלט איבערגעגעבן..."

איך פליסטער דײַנע לידער... אויף הייסן זאַמד פון מידבר
איך עטעם מיט דײַן הויך און וויל נישט מער געדענקען;
אַ שטערן פֿאַלט אין זאַמד... איך פליסטער נאָך אין פיבער
דײַן איטלעך ליד, וואָס וויל נישט מוחל זײַן, נישט שענקען.

יעקב יצחק סיגאַל

יעקב יצחק... יעקב יצחק... און פרײַער: ברודער מאַני לייב...
אַלע נעכט — זײַ פּליסן צו דעם גרינעם באַרג.
דער יינגסטער טויט — דאָס שענסטע ליד פון אונדזער לײַב, —
נישט פאַל, מײַן האַרץ, זײַ פעלדזיק און זײַ שטאַרק.

אַלע ווינטן וויינען אויפן גרינעם באַרג:
ווער וועט אונדז פון ווייטיק איצט דערהייבן?
וויל איז אים, נאָר ווי איז מיר, מײַן האַר:
וועמען זאָל איך זײַן צוואָה דאָ פאַרשרײַבן?

יעקב יצחק... ענוו גראָ־געקרוינטער, לויטערדיקער חידוש,
טוסט תּפילה מיטן בעש״ט אויף אָוונט־פעלד געבויגן;
איצט וויין איך אין די נעכט און קוש דײַן ספר „ייִדיש״
און טרינק דאָס הייליק ליכט פון דײַנע טויטע אויגן.

דער בוים איז טויט. אין אָוונט־דעמער בלעטער גרינען.
די שוואַרצסטע נעכט געבערן שטערן־פלײַנען.
נישט פאַל, מײַן האַרץ, נישט גיי אַראָפּ פון זינען —
דער טויט איז דאָ — דאָס לעבן צו באַקרײַנען.

יעקב פרידמאַן

דער קאָצקער.
דער ריזשינער.
דער אַלעקסאַנדערער.
דער בעל שם־טוב.
דער זלאָטאָפּאָליער
און דער מילניצער —
אַלע זייערע דאַוונענדיקע קיטלען
האָבן אַרומגעהילט
דײַן שוועבנדיקן גוף.
ביז —
ביסט געוואָרן
זייער זינגענדיקער משולח,
דער טרויעריקסטער,
דער שענסטער
אין אונדזער פאַרוואָגלטקייט.

ביסט נישט געגאַנגען
אויף דײַנע פּיס.
נישט געשריבן
מיט די פינגער.
צעבראָכענע פליגל
פון קראַנקע שוואַלבן
האָבן געקריצט
דײַנע זיפצן.
אויסגעבריט
דײַנע זילבן.

ווער האָט געקאָנט וויסן,
אַז דו,

יאַנקעניו,
מיט דײַן ייִדיש־ניגון,
מיטן צעבראָכענעם פידעלע
פון אַ פאַרוואָגלטן קלעזמער,
שפּאַנסט
איבער גאָטס פעלדער
צוזאַמען מיט די בושלס
און מיט די נאַכט־סאָלאָווייען —
וועסט נאָך אַ מאָל אויפוועקן
די הייליקע ניפטרים:
דעם קאָצקער.
דעם ריזשינער.
דעם אַלעקסאַנדערער.
דעם בעל־שם־טוב,
דעם זלאָטאָפּאָליער
און דעם מילניצער —
זיי זאָלן אַלע,
מיט מיר צוזאַמען,
איצט זאָגן:
יתגדל ויתקדש שמה רבא...

אלחנן (כאַנקע) וואָגלער

די בעריאָזקע זוכט דיך.
דער טראַקט
האָט פאַרבראָכן די הענט.
די לבנה
איז געוואָרן אַ כּישוף־מיל,
זי מאָלט אירע זילבערנע קערנער
פאַר דײַנע לידער פון יִאוש —
געמישט
מיט שטערן,
מיט ווייץ
און מיט שטילן געוויין פון יִדיש.

ביסט געווען
אַ טויב אין מידבר.
דער רעגן
אויפן פאַריזער דאַך —
איז פאַר דיר געווען
אַן אַלטער תּהלים־געפּרעפּל
פון דער ווילִיע.

איצט
קומען זיי אַלע צוריק:
די בעריאָזקע,
דער טראַקט,
די ווילִיע —
דיר צו זינגען דאָס שענסטע געזאַנג
אויף דער טויטן־לאָנקע —
וווּ דו רוסט,
מײַן ברודער, כאָנקע.

מאַני לייב

מײַן ברודערס בריוו פון פוילן מיט בענקעניש פאַרזיגלט —
ער ליגט נאָך אויף מײַן טיש — אַן אויסגעריסן בלאַט פון סידור;
כ׳וועל נישט פאַרגעסן, נישט פאַרגעסן וואָס דו בעטסט:
צו שיקן דיר פון מאַני לייב די שיינע לידער.

דו ווייסט: ער איז געשטאָרבן. זײַן לעבן, ברודער, גרויס געווען
איז נאָר אין ליד, אין בלאָען ווינט, אין רויטע ווונדן;
זאָלסט נישט פאַרגעסן, למען השם, אויף דאָרט אַ ליכט אין דײַן הויז
פאַר אים און פאַר אַלע שיינע דיכטער אָנצוצינדן.

דו ווייסט מסתּם: ער האָט אין זײַן צוואָה בלויזן ווינט
די קינדערלעך, אונדז אַלעמען, אויף ערד פאַרשריבן;
פאַרגעס נישט, למען השם: זאָל דאָרט יעטווידעס קינד
נישט אויפהערן דעם קראַנקן און געפאַלענעם צו ליבן.

ער איז שוין טויט. נאָר ס׳לעבן זײַנע ווינטן, רויזן, ווונדן,
די בעטלערס, צוגעדעקט מיט נאַכט אין די טויערן;
פאַרטרוי צו זיי — די טויטע אויפן ריינעם פעלד:
ער קומט, ער קומט — דער שענסטער פּרינץ פון די שענסטע טרויערן.

פאַרגעס נישט, למען השם: אָקטאָבער. דרײַ־און־פופציק. סאַנאַטאָריע: ליבערטי.
דאָס קלאָרע האַרץ, די האַנט די הייליקסטע פון אַלע שוסטער־ברידער;
פאַרטרוי אויך איר — מײַן מיידעלע אין געטאָ־פעלד: ס׳קומט אַ פּרינץ —
און זינגען וועט ער איר דאָס שענסטע ליד פון אַלע זײַנע לידער.

משה בראָדערזאָן

פון אַלע פאַרהאַנגען — געפאַלן אויף דײַן האַרץ
דער לעצטער אָבל־פאַרהאַנג.
דאָס צויבער־וואָרט אויף גומען — טויט,
אין אַש די האָפענונג פון באָהעמע־דיכטער.
דײַן בענקעניש —
אַ קינד אין מוטער־טראַכט,
צאַפּלט נאָך מיט ערשטן אָטעם:
ייִדן... פּוילן... ייִדיש־לשון־קלאַנג..
און — שוין לײַכטן דיר פון ראַמפּעס
צו דײַן פּנים שוואַרצע ליכטער.

איך זע דיך אין די לאָדזשער גאַסן.
דו קוקסט אַרײַן אין הויפן:
פענצטער טויטע,
שוועלן ליידיקע פון ייִדן.
דו זוכסט אַ שפּור פון אַ מ אָ ל —
פון דײַנע זינגענדיקע, וויינענדיקע ייִדן־וועלטן.
און דו אַליין,
פון קבר אויפגעוואַכט,
איבערפולט מיט האָפענונג און פרידן.
נאָר וויינען — וויינסטו אין דער שטיל,
ווי דער,
וואָס קאָן נישט מער
אין זײַן ייִאוש שעלטן.

אָנגעלענט בײַם ציטערדיקן אָרעם
פון אַ שוואַכער, קראַנקער פרוי
דו שפּאַנסט —
און הינטער דיר —

צי שפּאַנען נישט די שאָטנס פון מיליאָנען?
צי וויינט די זון?
צי וויינט דער מולד?
צי וויינען פוילנס מאָרגן־בלויען?
ווען ס׳קאָן דײַן צויבער־מויל
שוין גאָרנישט קלאָגן,
גאָרנישט בעטן,
גאָרנישט מאָנען?

פון רעגן־בויגנס — דײַן לידער־בריק
דו האָסט געבויט אין תּהום —
דו טרײַער וואָרט־באַצווינגער.
דאָס צויבער־וואָרט פון האָס און ליבשאַפט
אין דײַנע האַרץ־קאַמערן פאַרגליט.
פון אַלע אומגליקן געווען איז דיר דער גרעסטער —
ווערן פון פאַרשניטן פאָלק אַ זינגער —
ווי ס׳איז מיר איצט, פון אַלע טרויערן דער גרעסטער —
צו דײַן טויט אַט דאָס ליד צו זינגען.

נישט איינער ביסטו.
שוואַרצער פאָרהאַנג פלאַטערט איבער אונדזער ייִדיש ליכט
און וואָר.
דײַן קאַלטער שוואַרצאַפּל נאָך גליט ער
מיט ליכט אַזוי פיל אַ צעהעלטער.
אָ, גאָט, פאַרוואַנדל איצט מײַן טרער,
וואָס פאַלט צום טויטן טרובאַדור,
אין אַ שווערד פון פײַער,
די שׂינאה צו פאַרלענדן
מיט אייביקער פאַרגעלטונג.

ריקודה פּאָטאַש

ירושלימס קראַנקע, אַלטיטשקע שטיינער
מיט גראָזיקער נויט, מיט שאַקאַלישע שפּאַלטן —
זיי זענען מיט דיר היינט דאָ ווידער געשטאָרבן.
די מעווע — זי רוט שוין פאַרלאָשן, באַהאַלטן.

דער באַרגווינט געזאַלצן — ער רינט פון מײַן פּנים.
צי ביסטו אין טאָל דאָרטן נישטאָ מער ?
איך ווייס : דער שטיין האָט געלעכצט און געטרונקען
פון בלאָען לאָגל דײַן באַרגיקן יאָמער.

דײַן מאַמעס הייליקע שיך און די לאַטשן —
זיי גייען שוין איצט צום באַרג פון די מתים.
נאָר צוריקגיין — זיי האָבן שוין מער נישט צו קיינעם,
נישטאָ ווער ס׳זאָל היטן דעם קאַסטן און טרייסטן.

דאָס וואָרט אויפן באַרג איז ווינטיקע פּלעווע.
צי וועלן די פעלדזן דײַן זוימען פאַרזייען ?
געוועזן ביסט אַ קליינע, פאַרבלאָנדזשעטע מעווע
אויף קאַלטע, פאַרזיגלטע, הייליקע שנייען.

ווי פליט עס אַ מעווע אויף פעלדזיקע פלאַסטן ?
האָט אפשר די מעווע איר פליגל פאַרלאָרן ?
אַט גייען די שיך פונעם רויטלעכן קאַסטן
מיט שמייכלען פאַרשטיינטע און באַרגיקן צאָרן.

דיך היילט איצט זייער ליכט פאַרשעמט און געאָרעמט.
דײַן שוועל איז געפאַלן — די טיר איז נאָר אָפן.
דער באַרג האָט פאַרזיגלט דײַן מעווישן חלום,
געלאָזט אונדז דעם פּלי — דײַן פויגלשן וואָפן.

גרינ־טאָליקער חלום. פֿאַרוווּנדיקט דער באַרג איז
מיט שטילקייט און זינגט פֿון דײַן פֿויגלשן קרבן.
ירושלימס קראַנקע, אַלטיטשקע שטיינער —
זיי זענען מיט דיר הײַנט ווידער געשטאָרבן.

הר המנוחות, ירושלים, 16 מײַ 1965

פון בוך

און געוואָרן איז ליכט

1940—1949

אותיות אָן שאָטן

שענק מיר דאָס געדעכעניש

שענק מיר דאָס געדעכעניש פון טויט,
פון אַלע די, וואָס זענען אַש געוואָרן.
שענק מיר דאָס געדעכעניש פון דור,
פון זיין לעצטער פּיין, פון זיין לעצטן צאָרן.

דאָס אָרעם לייב אין גיהנומדיקן פייער,
די האָר פאַרסמאַליעטע אין רויטן פלאַם —
שענק מיר דאָס געדעכעניש פון טויט,
שענק מיר ס׳הייליק וואָרט פון ניקמת־דם.

מיליאָנען אויגן פאַרשלאָסענע מיט דיר,
מיליאָנען תּפילות פאַרשטיקטע, אינעם מויל —
שענק מיר דאָס געדעכעניש פון טויט,
פון שׂרפה, פון חניקה און פון גרויל.

זיי יאָגן מיך — מיליאָנען הענט אין ווינט,
זיי צינדן נעכט און ס׳פלאַקערן פאַרטאָגן —
שענק מיר דאָס געדעכעניש פון טויט,
וואָס כ׳קאָן נישט מיטן וואָרט באַקלאָגן.

דאָס וואָרט איז שטום, ווי שטום געווען די זאַמדן,
ווען ס׳האָט דאָס בלוט אַריינגעטריפט אין זיי;
שענק מיר דאָס געדעכעניש פון טויט,
דעם אָטעם אויף זייער לעצטן וועג פון וויי.

פון שוואַרצאַפּלען מיליאָנען כאָטש אַ טרער
זאָל פון די ווימפּערן, פון מײַנע אויגן טריפן.
שענק מיר דאָס געדעכעניש פון טויט
מיט אָפּגרונטן פון אַלע ימימס טיפן.

פאַרשניטן ס׳איז אַ פאָלק אַדורכגעגאַנגען
מיט האַלדז געקוילעט און פאַרסמט;
אָ, שענק מיר דאָס געדעכעניש פון טויט,
דאָס גרויסע, הייליק וואָרט פון ניקמת־דם.

1946

ס׳הענגט נידעריק איצט דער הימל

ס׳הענגט נידעריק איצט דער הימל אויף מײַן פענצטער,
דער ווינט — ער טראָגט שוין פרוכט אין גרינע סעדער.
נאָר נישט פאַרגעסן כ׳וועל אײַך, געסעלער פון געטאָ,
בײַ אַלע שטערן טו איך הײַנט אַ נדר.

אַז כ׳וועל אַ מאָל צווישן אַש און חורבות
אינעם טויט דעם ייִדישן פאַרגעסן —
וועל איך שוין וויסן: ס׳איז מײַן האַרץ פאַרלאָשן,
די שיבעה נאָר מײַן פאָלק כ׳בין אָפּגעזעסן.

און ווי אַמאָל בײַם שפּינראָד אונדזערע באָבעס,
און ווי אַמאָל די זיידעס אין די קלויזן —
וועל איך מײַן האַרץ טראָגן דיר אַקעגן,
פֿאַר אַלע שטערן אין די נעבט אַנטבלויזן.

דו האָסט מײַן האַרץ מיט טויזנט שווערע טויטן
אַרומגערינגלט, ווי אַ בוים מיט צווײַגן.
און קיינער וועט שוין נישט פאַרשטיין מײַן תּפילה,
ווען כ׳וועל אויף דײַנע הענט מײַן פּנים לייגן.

1946

די צוואָה

ווער ס׳האָט ביַי נאַכט נישט גערעדט מיט טויטע
און געאָרעמט נישט געגאַנגען מיט די שאָטנס —
איז ווי אַ זעגל, אָפּגעריסן אויפן ים־פּלאַר,
וואָס וועט שוין קיין מאָל נישט אָנקומען צום באָרטן.

ווער ס׳האָט געוואַשן ס׳האַרץ מיט פיַיער
און מיטן קילן ליכט פון טויטע אָבות —
פאַרנומען האָט דאָס ווידערקול פון דורות —
דאָס הייליק ליד פון אימת־מוות.

ווער זיַין תפילה ס׳האָט געשיקט צו זונען,
און נישט צו טויטע, קאַלטע, גרינע שטערן —
האָט אים אין פינצטערניש פון געטאָ־נעכט
נישט געבריט דער פלאַם פון דורותדיקע טרערן.

דער, וואָס האָט זיַין פרייד געזוכט אין ברונעם
פון יעדן טאָג, אין ווינטיקע געצעלטן —
ער וועט ווי גראָז אויף טויטן שטיין פאַרוויאַנען
און מיט זיַין דור זיַין גורל אויך פאַרשעלטן.

אויף אַלטע פעלדזן ברענט דאָס רויטע אות
פון יעדן בליץ, וואָס האָט זיך איַינגעקריצט דאָ.
כ׳וועל אָנטרינקען מיַין האַרץ מיט פולן טרערן־כּוס,
ביז זיַין ס׳וועט די צוואָה אייביק אַ געשיצטע.

1946

באַלאַדע פון טאַטע־מאַמע

בײַ מײַן טיר ווײנט דער ווינט פון די בערג —
ס'איז מײַן טויטן טאַטנס שאָטן;
ער וויל נישט שטיין אַ נאַקעטער אין שניי,
ווי דער עפּלבוים אין גאָרטן.

— „אָ, עפן מיר, זון, די טיר,
די לבנה האָט די נאַכט שוין צעבלאָזן,
איך וויל נישט מער ליגן ווי אַ שטיין
אויף רויטע פאַרבלוטיקטע גראָזן..."

דער ווינט ווײנט אויף טרויעריקער פלייט
דורך נעפּל און ווינטיקע שנייען.
איך הער פון דער שוועל ווי עס שרײַט
אַ קול צו מיר שוין פון צווייען:

— „וואָס האַלטסטו אונדז אויפן ווינט,
מיר דאַרפן דאָך גיין באַלד צוריק,
צי דערקענסטו נישט, זון, מער דאָס קול,
וואָס האָט דיך אין וויגל געוויגט?

ווי לאַנג איז דער שיעור דאָ צו שטיין
הינטער טיר דײַן אַלטער מאַמען?
דער טאַטע שטייט קוים אויף די פיס,
וואָס בריִען אים נאָך פון די פלאַמען.

אָ, עפן, מײַן זון, אונדז, נאָר גיך,
מיר קאָנען, חלילה, פאַרפרירן.
איך האָב דיר די מאַמע געבראַכט
בלינדערהייט דאָ צו פירן".

איך ווייס נישט ווער ס׳עפנט די טיר,
די מאַמע טרעט בלינדערהייט;
דער טאַטע — אין צעריסענע שטיוול,
די מאַמע — אין איר וואָכעדיק קלייד.

זיי זעצן זיך ביידע אַוועק
בײַ מיר אויפן קאַנט פון בעט,
דער טאַטע שנײַדט רעפטעלעך ברויט: —
— „עס, מײַן קינד, צו דער זעט...

מיר וואָלטן צו דיר נישט געקומען
אַזוי אין דער נאַכט אומגעריכט,
מיר ווילן דו זאָלסט אונדז באַשרײַבן
אין אַ שיין, הייליק געדיכט.

ווי אַזוי מ׳האָט די מאַמע דײַנע,
אַ קאַלטע, שוין טויטערהייט,
מיט ווידלעס געשלעפּט אויפן שײַטער
אין איר צעריסן וואָכעדיק קלייד.

און פון מיר, דײַן טאַטן, איז בעסער
נישט זאָגן קיין איינציק וואָרט;
אַלץ איז געוואָרן צו אַש —
נאָר נישט מײַן ווײַסע באָרד...

מיר האָבן געזוכט דיך, מײַן זון,
נישט געוווּסט ווו דו ביסט.
קוש די טויטע אויגן דער מאַמען,
פאַרבינד מיר די בלוטיקע פיס —

און טאָמער, חס־ושלום,
וועסט לאָזן אויף אונדז אַ טרער,
טאָ ווייס — מיר וועלן שוין קיין מאָל,
קיין מאָל נישט קומען אַהער...

קוש נאָך אַ מאָל די אויגן דער מאַמען,
מײַנע וווּנדיקע פּיס מיר פֿאַרבינד.
ס'איז צײַט שוין צו גיין פֿון דאַנען:
אַ גוטן טאָג, מײַן קינד..."

— — — — — — — —

בײַ מײַן טיר ווײַנט דער ווינט פֿון די בערג.
ס'איז מײַן טויטן טאַטנס שאָטן.
כ'זע: ער זיצט אויפֿן הויף אינעם שניי,
לעבן עפּלבוים אין גאָרטן.

1947

איך טראָג אין וואָרט

איך טראָג אין וואָרט דעם ווייטיק פון אַ חלף־שניט,
דעם ציטער פון אַ ליכט, וואָס צאַפּלט מיט זײַן קנויט;
די גנאָד פון וואָרט איז הייליק אין מײַן ייִדיש ליד,
ווי הייליקער דאָס לעבן איז פון יעדן טויט.

מײַן יעדער גאַנג — איז גאַנג פון טויזנט ייִדן,
מײַן יעדעס וואָרט — איז תּפֿילה־פֿלאַם צו גאָט;
אַ פֿלאַם האָט זיי די ווײַסע הענט געצונדן,
אַ סנה געברענט האָט אונטער זייער טראָט.

ווו זאָל איך איצט, אָ גאָט, אויף רעגנדיקן פֿעלד
די טריט פון זייערע טויטע פֿיס דערהערן?
איך זע אויף ס׳נײַ די היים אין שׂרפֿה בּרענען,
זייער טראָט איך זוך אין דײַנע ווײַטע שטערן.

1946

די זון פון אַש און שׂרפות

יעדעס לעבן אונדזערס גייט פון קילן שטאַרבן אויף,
יעדער טויט טראָגט קנאָספּן פון דייַן לעבן;
און נאָר דאָס האַרץ מייַנס פלאַקערט ווי דער דאָרן,
און נאָר דאָס האַרץ וויל נישט דעם צער פאַרגעבן.

איך בין אַ בוים צעשניטן מיט אַ זעג,
וואָס זינגט בייַ יעדן זונאויפגאַנג פון שטאַרבן.
פון יעדן שטיקל קאָרע ווידער וואַקסט אויף ערד
דאָס לעבן מייַנס, וואָס עמעצער וועט אַרבן.

איך טראָג אויף קאָפּ די פלאַקער־קרוין פון שטערן,
און אינעם אויג — דעם פלאַם פון היימען טויטע.
פון קילן שטאַרבן גייט מייַן לעבן אויף,
מייַן זון — פון אַש און פון שׂרפות רויטע.

1945

אין טוי־באַגינען

אין טוי־באַגינען כ׳קוש דאָס נאַסע גראָז,
און מײַנע ליפּן פרעגן: פאַר וואָס, אָ גאָט, פאַר וואָס?
דאָס געלע גראָז בײַ אונדזער חרובער כאַטע
דערמאָנט מיך אין דײַנע טויטע אויגן, טאַטע.

אַ ווינטמיל שטייט דערנעבן און ער קלאָגט,
אויף יעדן אָוונט לויערט בלוטיקער פּאַרטאָג,
אויף יעדן טאָג לויערט חלף פון דער נאַכט,
דײַן קול אין ווינט יאָמערט אויפן שליאַך.

דער בית־עלמין זינקט אַראָפּ מיט אַלטן שטיין,
דאָ זיצן נאָך די זיידעס מיט תּהלימדיק געוויין,
דאָ האָט געזען לבנה ווי אויף פעלד פּאַרשנייט
מ׳האָט באַגראָבן אונדז לעבעדיקערהייט.

מיט יעדן אָדער־ציטער, מיט יעדן ייִדיש אות,
איך פאַל צו דיר און פרעג: פאַר וואָס, פאַר וואָס?
דו ענטפערסט נישט. ביסט שטום, ווי טויטער שטיין,
אָ, גאָט, וואָס האָסטו אונדז געלאָזט אַליין?

1946

אין אַ טונקלער קאַמער

ערגעץ אין אַ טונקלער קאַמער
שטייט די וויג צעבראָכן —
און די שפּין וועבט און וועבט
אונדז די גרויע וואָכן.

אויף אַ טויטן בערגעלע,
זינגט מיר די לבנה,
זינגט פון וועלדער, וואָס זיי ברענען
מיט ייִדישער סכּנה.

לויפט דאָס שימער־ליכט פון שטערן
אַרײַן אין טונקלער קאַמער.
הייבט זיך אויף מײַן קינד פון וויגל —
שרײַט אַרויס מיט יאָמער.

— שטערן, שטערן, זינג מיר לידער
פון מײַן שיינער מאַמען.
כ׳וויל נישט אויסגיין ווי לבנה
אין די אָוונט־פלאַמען.

כ׳וויל נישט ליגן אינעם וויגל —
אין מײַן טויטן־אָרון.
כ׳וויל דיר זינגען מיט די שטערן
לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

הייבט זיך אויף מײַן קינד און זעט —
פון חלום שוין אַ וואָר איז.
נישט קיין קאַמער, נישט קיין אָרון,
נישט קיין בית־הקברות.

און איך זע: — דו זיצסט אויף שוועל,
זינגסט צו זון און שטערן.
ס'לײַכט דער הימל אויסגעלײַטערט
ווי אַן אויג פון טרערן.

1946

באַלאַדע פון די דרײַ יאָדלעס

ס׳גייט מײַן שוועסטער מרימל מיט אַ קויבערל אין האַנט,
טראָגט זי דאָרטן ווײַסוואַרג, תּכריכימדיק געוואַנט.

— וואָס גייסטו אַזוי שפּעט אין לבנהדיקן וואַלד,
אַז ס׳האָט שוין אויפן באַרג די צוועלפטע שעה געשאַלט?

— איך גיי, מײַן טײַער ברודערל, צו די יאָדלעס דרײַ,
צום געפרוירענעם טײַך בײַם זילבערנעם שניי.

צופוסנס די יאָדלעס אויפן בערגל דאָרט,
אונטער טויטע שטערן ליגט אונדזער הייליק אָרט.

וואָרעם ס׳האָט געזאָגט צו מיר איין יאָדלע:
— אונטער מיר, אונטער מיר,
צווישן וואָרצלען און מעך,
ליגט די מומע פעסל
מיט בלוטיקע שטעך — —
אוי וויי איז מיר!..

זאָגט צו מיר די צווייטע יאָדלע:
— אונטער מיר, אונטער מיר,
מיט אַ רויטלעכער ווונד
ליגט געקוילעט אין שלאָף
איר זייגעדיק קינד — —
אוי וויי איז מיר!..

און אונטער דער יאָדלע, בײַם האַרטן שטיין,
ליג איך טאַקע, ברודערל, איך טאַקע אַליין.

זאָגן מיר די יאָדלעס: — גיי אין וואַלד אַרײַן,
שפּין אונדז אויס תּכריכים פון ווײַסן לײַן,

פון ווײַסן לײַן
און ווינט־געוויין. — —

— ווו האָסטו גענומען, שוועסטערל מײַן,
אַזוי פיל געוואַנט געשפּינט פון לײַן?

— איך האָב זיי פון שניי און גראָזן געשפּינט,
פון ערד, פון נעפּל, פון בלאָען ווינט —

און אויבעט שוין איבער אַ האַלב יאָר
איך שפּין זיי פון מײַנע ווײַסע האָר.

איצט גיי איך זיי אָנטאָן— די שכנים צוויי
מיט לײַוונט, וואָס איז ווײַסער פון שניי,

די יאָדלעס וועלן מער נישט קלאָגן בײַ נאַכט,
אַז מ׳האָט זיי אויף אייביק אומגליקלעך געמאַכט.

צו ערשט וועל איך אָנטאָן מומע פעסל דאָס קלייד,
דערנאָך דאָס קינד, וואָס ליגט פאַרשנייט.

צום סוף איך וועל זיך לייגן אַליין
אין קבר צוריק מיט ווײַסן לײַן — —

— — — — — — — — — — — —

דרײַ יאָדלעס, דרײַ יאָדלעס בײַם געפרוירענעם טײַך,
די לבנה אין שניי ליגט טויט און בלייך;
מײַן שוועסטערל מרימס דאַר געשטאַלט
שלאָפט בײַ די יאָדלעס אין טויטן וואַלד.

1947

פון טויזנט פעלדזן

א

פון טויזנט פעלדזן ס׳איז אַ פעלדז געבליבן —
אַ גראָע קלויזן־וואַנט געקושט פון פלאַם;
ווען ס׳האָט דער אָוונט בלוטיקן גענומען,
האָב איך געקושט ס׳לעצטע אות אין פײַער־ים.

דער ווינט האָט פון די הימלען אָפּגעווישט די שטערן
און ווי אַ בעטלער אַרײַנגעוויינט אין רויטע ציגל;
פון טויזנט פעלדזן ס׳איז אַ פעלדז געבליבן —
די רעדלעך הילצערנע פון אַ ייִדיש וויגל.

אַ פּאַרהענגל אַ ווײַס — אַ זומערדיקער וואָלקן
האָט זיך אין טויטע פענצטער שטום באַוויגן;
פון טויזנט פעלדזן ס׳איז אַ פעלדז געבליבן —
דאָס וואָרט אין טויטע קינדערישע אויגן.

ב

ס׳האָט אויפגעהויבן זיך אין פוסטע שטובן
אַ שטורעם־ווינט פון טריט און פיס צעדמטע;
מײַן טאַטנס שאָטן לויערט — ער זוכט צווישן אַש
זײַן תּפֿילין־זעקעלע און אותיות פאַרפלאַמטע.

איך טראָג אַ זעקל זאַמד פון פוילנס ערד דער שוואַרצער.
כ׳טראָג דעם חלום, כ׳טראָג מײַן היים די פאַרברענטע;
כ׳וועל זעצן זיך אין דעמער־שעה בײַ ווערבעס שטילע
און תּפֿילה־טאָן צו שטערן די געשענדטע.

זיי האָבן אים געזעגט, דעם טויט פון ייִדן —
די שטערן איבער קלויסטערלעך און ווײַסל־שטראָמען ;
איצט שאַר איך אויפן פעלד דאָס הייליק זאַמד פון טריט
צו הייליקן אויף אַלע אייביקייטן זייער נאָמען.

1947

אין שטילקייט איז מײַן וואָרט

איך קאָן נישט ריידן צו דיר מיט הויכע רייד —
דער טויט איז לויטער שטילקייט. אַן אָוונט־פעלד פאַרשנייט.
ער שאָטנט אויף מײַן פּנים אָפּ דעם גרויל
מיט צוק פון אויג, מיט קרומען פאַלד בײַם מויל.

איך קאָן נישט ריידן צו דיר מיט הויכע רייד —
ס׳ליגט מײַן געוואַלד דערשטיקט אין גראָען פאַלד פון קלייד,
און נאָר ווען כ׳בלײַב בײַ נאַכט אַליין אין שטוב —
גייסט אויף צו מיר, אַ טויט, פון יעדער גרוב.

כ׳פאַל ווידער אויף מײַן מאַמעס הענט אַראָפּ
און זי — זי לייגט אויף מיר איר אַלטן גראָען קאָפּ,
שווײַגן מיר שוין ביידע, ביידע טויטערהייט —
אין שטילקייט לויטערער, אַן טרער, אַן רייד.

אין שטילקייט ליגט מײַן תּפילה צו דער נאַכט,
צום שאָטן, וואָס האָט אונדזער טויט באַוואַכט —
זײַ שטיל, זײַ שטיל, נישט מאָן די הויכע רייד —
דער טויט איז לויטער שטילקייט. אַן אָוונט־פעלד פאַרשנייט.

1946

צו מײַן מאַמען

מײַן קלײנע, דאַרע מאַמע,
מײַן קלײנע מאַמע פֿון מאָגעלניצע,
שוין בלִיִען װידער די קאַרשן־בײמער אױף שאָסײען,
שוין זינגען פֿױגלס טײַכן אינעם אָװנט
צוזאַמען מיט טאָפּאָליעס אױף זילבערנע אַלײען —
און דו ביסט מער נישטאָ,
ביסט מער נישטאָ,
מײַן קלײנע, דאַרע מאַמע פֿון מאָגעלניצע.

װען אַלע מאַמעס פֿון דער גרױסער װעלט
װאָלטן דיך געקענט,
מײַן קלײנע, דאַרע מאַמע פֿון מאָגעלניצע —
װאָלטן זײ, װי איך,
דײַן קינד,
געטראָגן אין די אױגן איצט די טרער
װי אַ העשנדיקן װינט, —
דעם װינט, װאָס האָט געגלעט אין פֿײַער
דײַן אײַנגעשרומפּן גופֿל —
מײַן קלײנע, דאַרע מאַמע,
מײַן קלײנע מאַמע פֿון מאָגעלניצע.

ביסט מער נישטאָ,
מײַן קלײנע, דאַרע מאַמע.
נישטאָ.
און די קאַרשנבײמער בלִיִען װידער אױף שאָסײען,
און ס'זינגען פֿױגלס טײַכן אינעם אָװנט,
צוזאַמען מיט טאָפּאָליעס אױף זילבערנע אַלײען —
און שױן קײן מאָל נישט,
אױף אַלע אײביקײטן,

כ׳וועל נישט אַרומנעמען אַ בערגל זאַמד
און זאָגן:
— אָט אָ דאָ ליגט מייַן קליינע, דאַרע מאַמע,
אָט אָ דאָ רוט מייַן קליינע, דאַרע מאַמע
פון מאָגעלניצע.

1945

דאָס העמד

כ'טראָג נאָך אַלץ אויף מײַן האַרץ דאָס העמד פֿאַרבלוטיקט,
וואָס האָסט מיר אָנגעטאָן אויפֿן לעצטן וועג;
פֿון זײַן רויטן פֿאָדעם גליט בײַ נאַכט מײַן חלום
און כ'ליג פֿאַר דיר אין פֿלאַמען אויסגעשטרעקט.

איך טראָג נאָך אַלץ אויף מײַן צונג און גומען
דאָס ברעקל ברויט, וואָס האָסט מיט מיר געטיילט;
נאָך האַלטסטו מיר מײַן האַנט, וואָס ציטערט,
ווען מ'האָט אונדז ביידן צו דעם טויט געציילט, געצײלט.

און ווען די זון גייט־אויף אויף פּוילנס פֿעלד און סעדער,
איך האַלט מײַן קאָפּ פֿאַרזונקען און פֿאַרשעמט;
דער הימל הענגט נאָך אַלץ צעריסן און פֿאַרבלוטיקט
ווי אויף מײַן האַרץ — דאָס רויט־פֿאַרבלוטיקט העמד.

1946

ס׳דוכט מיר אָפּט

ס׳דוכט מיר אָפּט: דו שווימסט אַרויס צו מיר פון גאַס־געראויש,
פון פרעמדע פּנימער, פון לויפנדיקע מענטשן;
דו גייסט מיר נאָך און כ׳פיל אויף אַקסלען מײַנע
פון ווינט דײַן וואָרט, וואָס גייט מיך בענטשן.

כ׳דערקען אַ מאָל אין ווײַסן פּנים פון אַ פרוי
דײַן ייִדיש פּנים מיט דײַן מאַמעדיקן ציטער;
דו הענגסט מיר איבער שלאָף, אַ הימל אויסגעשטערנט
און בלײַבסט אויף אייביק שוין מײַן טרײַער היטער.

איך היט אין האַרץ די מינדסטע תּנועה דײַנע
און כ׳שמעלץ מײַן גוף צוזאַמען מיט דײַן פורעם;
און מיטן ווינט, וואָס ווײנט אויף נאַכטיקע בית־עלמינס,
איך פאַל צו דיר אין שנײ אויף פרעמדע קבֿרים.

מײַן גורל ליגט, איך ווייס, אין דײַן טויט פאַרהוילן,
ווי ס׳ליגט אַ פּערל אין דער מושלע אויף די דנאָען;
און ס׳לעצטע וואָרט, וואָס האָט געגליט דײַן גומען,
וועט זײַן אויך ס׳וואָרט אין מײַנע לעצטע שעהען.

כ׳וועל נישט אַנטלויפן פון מײַן טריבן האַרץ־געווירבל,
כ׳וועל נישט אַרויס פון מײַן פינצטערלעכער קלעם;
כ׳טראָג דיך אין מײַן אויג ווי די נאַכט אַ בליץ אַ העלן,
ווי אײַנגעשניטן אין מײַן לײַב — אַ כּישופדיקן שם.

1946

אונטער אַ בערגל ציגל

אונטער אַ בערגל ציגל רוט מײַן טויטע היים,
טליִעט זי און ברענט אונטער זאַמד און שטיין.
וועל איך קומען צו איר, פון רויטער נאַכט געיאָגט,
און אויפבלאָזן די זון צו אַ נײַעם טאָג.

אונטער אַ בערגל אַש שלאָפט מײַן טויטע היים,
חלומט דאָ אַ סאָסנע אין איר גרינעם טרוים,
לעבן איר — אַ שוועל פון אונדזער ייִדיש הויז
און אַ סטעליע רויט פון פאַרברענטער קלויז.

אונטער אַ בערגל אַש — דער חלום פון מײַן היים,
און די סאָסנע וואַקסט אַלץ אויפן טויטן ליים,
אויף איר גרינער צווײַג הענגט נאָך דאָרט די שטריק,
און מײַן טויטער טאַטע וויגט זיך דאָרט און וויגט...

כ׳וועל אים נישט אַראָפּנעמען פונעם גרינעם בוים,
ווײַל ער היט די היים אין איר וויסטן תּהום,
און ער הייבט צום הימל זײַן קאַלטע, טויטע האַנט
איבער אַש און שטיין און פאַרבלוטיקט זאַמד.

אונטער אַ בערגל ציגל רוט מײַן טויטע היים,
טליִעט זי און ברענט אונטער זאַמד און שטיין —
און די סאָסנע וואַקסט אַלץ הויך אין גרינעם טרוים —
אויפן טויטן ליים פון מײַן טויטער היים...

1946

צו אַ דערמאָרדעטן ייִדישן פּאָעט

ישׂראל ראַבאָן

איך וואָלט דיך נישט באַקלאָגט מער אין די נעכט,
איך וואָלט דיר נישט קיין ליכט אָנגעצונדן;
נאָר כ׳בין צום האַרץ מײַנעם אַ שטומער קנעכט,
וואָס פֿירט מיך אויף דער וועלט אַרום אַ בלינדן.

כ׳וואָלט נישט געפּײַניקט מער מײַן גוף
מיט יעדן אות פֿון ייִדיש ליד און לשון;
ווען דו וואָלסט נישט מײַן האַרץ געפּישופּט מיט אַ רוף
פֿון אַ בליץ, וואָס זיצט אין מיר פֿאַרלאָשן.

איך וואָלט ווי ווינט פֿאַרגאַנגען איבער קוימען,
ווי שפּינוועב, וואָס איז אין אונדזער שטוב געהאָנגען;
נאָר ס׳ליד מײַנס ווי אַ חיה שרײַט פֿאַרבלוטיקט הינטער צוימען,
ווו כ׳ליג אין בענקעניש געפּענטעט און געפֿאַנגען.

1946

דאָס ברויט אויפֿן טיש

דאָס ברויט — אויפֿן טיש און אויך דאָס מעסער,
נאָר ס'איז די האַנט נישטאָ, וואָס זאָל עס שנײַדן.
דײַן מלבוש הענגט אין שאַנק אויף זשאַווער־שלעסער,
און ווי אַן אָרון וואַרט זי אויף אונדז ביידן.

די זון איז אויף דער גרינער ערד פֿאַרגאַנגען
און נאָר אויף טיש ליגט דאָס שימל־ברויט.
אַ שטראַל האָט אויפֿן פֿענצטער־ברעט זיך אויפֿגעהאָנגען,
בײַם טיש זיצט אָנגעלענט אַן אַלטער מאַן — דער טויט.

מיך האָט די ערד פֿאַרשלאָסן אין איר שווײַגן
און מיט שרעק די לענדן אָנגעגורט.
דו וועסט נישט קומען מער דעם קאָפּ דאָ לייגן —
אַליין איך וואַרט אויף זונס גאָלדענער געבורט.

1946

אַ ייִד וויינט אין זאַמד

אַ ווונדערלעכער פּישוף און אַ ווונדערלעכער הימל, —
פרילינגט איצט מיט בלוי־צעבליטן בעז;
און דאָ — אין מיטן שטאָט — אַ טויטע געטאָ־וואַנט,
ווי אַ באַלזאַמירטער מת...

די שטאָט איז היינט אַ גאַרטל פון צעבליטע גערטנער,
און פּנימער פון פרייד — פון יעדער שויב און פענצטער;
און דאָ — פון געטאָ איינגעפאַלענע רוינען,
אַ טויטע שטאָט מיט טויזנטער געשפּענסטער.

די הימלען הענגען נאָך פאַרפּייניקטע, געשוואָלן
פון לעצטן רויך, פון לעצטן שריי פאַרשטיינט;
ס'האָט אַ ייִד אַוועקגעזעצט זיך לעבן טויער
און הויך אויפן קול אין זאַמד אַריינגעוויינט.

1945

דאָס לעצטע מאָל

רבקהן

דאָס לעצטע מאָל כ'האָב דיך געזען אין אויפגעפּראַלטן אײַזערנעם וואַגאָן,
צווישן פּנימער פון ייִדן, קינדער — אַ צעפּלאָשעטע ווילדע סטאַדע;
כ'האָב אַפילו נישט די האַנט דערלאַנגט דיר אויפן לעצטן וועג —
דער וועג צום פאַרמאַכטן אויטאָ, ערגעץ צו דער אויטאָסטראַדע.

כ'האָב נישט געוווּסט, אַז אָט איז איצט דער לעצטער וועג,
דער לעצטער וועג פון אַלע אונדזערע טרוימען.
פון ווײַטן גליווערן צו אונדז די בלאָלעכע בעסקידן
און לעבן זיי — צום הימל שפּײַט דער קרעמאַטאָריע־קוימען.

1946

טייל מאָל

טייל מאָל דוכט זיך מיר: עס עפנט זיך די טיר,
בלײַבסט שטיין אַ שמייכלענדיקע אויף דער שוועל.
דורך יאָרן פײַן, וואָגלעניש און מאַטער
באַוועלטיקט ס'האָט דעם טויט דײַן שטילע זעל.

דו קומסט אין שטוב און לייגסט אויף מיר דײַן קאָפּ,
נאָר פון די אויגן קײַקלט זיך אַ טרער;
מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס אויף מײַן האַלדז
דו זאָגסט: איצט וועט אונדז דער טויט נישט שיידן מער...

און ביידע גייען מיר אַזוי אַרומגענומען מיט די הענט,
ביז מילדער אָוונט פאַלט אַראָפּ אויף אונדזערע קעפּ;
און אין דער פרי — איך ליג אַ נאַקעטער אויף דיל,
מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס צו דער טרעפּ.

1946

אַ ביסל זאַמד

כ׳וועל נעמען צו זיך אַ ביסל זאַמד פון אַ פאַרברענטער גאַס
און ווי טויטן־שערבעלעך לייגן אויף מײַנע אויגן מידע;
איך ווייס: הייליק איז איר ערד, ווי פון הייליקן ירושלים,
וואָס האָסט געקושט אין חלום, טאַטע, אין דער שעה פון ווידוי.

גייסט אויף צו מיר, פאַרברענטע היים, מיט שבתדיקן בלאָען שימער,
מיט געסלעך פרומע, מיט קלייטעלעך און פּרוכנעוואַטע קלויזן;
נישט קינות זאָגן כ׳קום צו דיר, צו די פאַרברענטע שוועלן —
כ׳וויל נאָר מײַן עלנט האַרץ פאַר דײַן טויטער ערד אַנטבלויזן.

איך זע נאָך אויף די דעכעלעך די שטערן דײַנע פאַלן, זינקען,
דער חלום מײַנער מיט אַ ווײַסן זילבער־וואָלקן איז פאַרפלויגן;
איך וואָגל אין די נעכט בײַ דײַנע טויטע הייף און געסלעך
און שאַר דאָס הייליק זאַמד אויף שערבעלעך פאַר מײַנע טויטע אויגן.

1945

ווי אַ שיף

ווי אַ שיף, וואָס בלאָנקעט מיט צעריסענע מאַסטן
און קאָן נישט מער אויף ים טרעפן אין איר האַפן —
אַזאַ איז ס׳ליד, וואָס כ׳שרײַב צו דיר אַצינד, ברודער,
מיט אָפּגעהאַקטע פון געוויין שטאַמלענדיקע טראָפן.

אָ, נעמט מיט מיר אַרום די שטילקייט, וואָס שרײַט אָ דאָ
און טרינקט דאָס קאָביק בלוט פון אונטערגאַנג, ברידער!
צי וועט מײַן טראָט אַ קוש טאָן נאָך די ערד,
צי שײַנען וועט דער הימל אונדז נאָך ווידער?

געווען אַ היים, אַ ייִדישלעכע שטוב אַמאָל
מיט שוועלן ליכטיקע און שבת־גילדענע פּאַרטאָגן,
„אַ מענטש דאַרף גיין אין דרכים לויטערע פון גאָט" —
פלעגט די מאַמע שטילערהייט אונדז זאָגן.

איז מען געגאַנגען אויף די וועגן לויטערע און מילדע,
ווו ס׳האָבן וואַנדער זיך געצונדן אויף אַ ווײַטן ברעג;
געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז ס׳האָט דער וועג אונדז אַלע
געפירט צום אויוון פון אָשוויענטשים און מײַדאַנעק.

דעמערט איצט מיט בענקעניש דער שוואַרצער אָוונט.
אַליין איך בין אַ שיף, וואָס טרעפט נישט מער אין האַפן,
אָ, ברודער טרויעריקער, פאַרגיב מיר אָט דאָס ליד,
וואָס כ׳שרײַב צו דיר מיט געוויין פון אָפּגעהאַקטע טראָפן.

1946

מיר האָט זיך געחלומט

געחלומט האָט זיך מיר: דער קוימען פון מיידאַנעק
און רויטער פונקען־ים אויף אַ שוואַרצן דאַך.
פון טאַטע־מאַמעס דאַרע הענט און פינגער
ס׳האָט די לבנה זיך אַ פּאַליי געמאַכט.

געחלומט האָט זיך מיר: איבער טיפן פעלדזן־תהום
כ׳וויג זיך ווי אַ פויגל דורכגעשאָסן;
כ׳זע אַ טויטן־שיף, וואָס שנײַדט דעם רויטן שוים
און ס׳טרינקען פונעם ים ווילדע אַלבאַטראָסן.

געחלומט האָט זיך מיר: כ׳בין צווישן דאַוועגענדיקע ייִדן,
זייערע העלדזער וויגן זיך אָן בערד, אָן קעפּ.
איך זע: אַ קאַמער רייכערט זיך אָנגעפּראָפּט מיט קינדער —
און ס׳ברענען מײַנע פיס שוין אויבעט אויף דער טרעפּ.

געטריבן ס׳האָבן מיך די ווינטן אונטער אָרעמס,
און טויזנט פייגל האָבן מײַן געלאָף פאַרשריגן.
דערנאָך האָט ווער אין שוואַרצער ערד פון וועלדער
מײַן גוף פאַרברענט אויף קויל געפונען ליגן.

1946

מײַן זיידע אַנטשל

מײַן זיידע אַנטשל, דער טלית־מאַכער פֿון מאָגעלניצע,
האָט בײַ נאַכט געמישט דעם תּהלים מיט אַ שוואַכער האַנט;
און דאָס פֿידעלע פֿון דוד המלך מיט דרײַ סטרונעס
געהאָנגען איז אויף דער בלאָ־געקאַלכטער וואַנט.

מײַן זיידע האָט גערעדט מיטן בעל־שם־טוב
בײַ נאַכט נאָכן תּהלים־זאָגן און נאָך פֿידל־שפּילן;
אַרום זײַן האַרץ האָט ער די תּפֿילה פֿון אַ דור
אַרומגעצויגן מיט רצונות פֿון די תּפֿילין.

אויף וועלכע וועגן בלאָנדזשעט איצט דער בעש״ט
אין בלויע, טויִקע פֿאַרטאָגן?
איך קאָן נישט צוקומען צום זיידנס תּפֿילה,
כ׳קאָן אויף זײַן פֿידעלע מײַן גורל נישט באַקלאָגן.

די שאָטנס, וואָס לויערן אויף מײַן סטעליע,
דאָס טרויער־ליד פֿון פּײַן דערצייל איך;
ווי בענקט זיך מיר, אָ זיידע, נאָך דײַן תּפֿילה
און נאָך דײַן פֿידעלע פֿון דוד המלך.

1946

באַלאַדע פון מיַין פעטער דעם קברן

ס׳גייט אַרום אַ ייִד אין די בערג —
און בלײַבט שטיין ווי אַ פאַרכישופטע מיל;
אפשר איז עס דער הייליקער בעש״ט —
און אפשר גאָר מיַין פעטער כיל?

מיַין פעטער, דער קברן, געהאַט האָט
אַ געלאָקטע, גאָלד־בלאָנדע באָרד
און שערבלער געלייגט דרײַסיק יאָר
די טויטע אויפן הייליקן אָרט.

ער זעצט זיך צופוסנס פון באַרג,
און גיט מיט די אויגן אַ לאַך.
אים דוכט זיך: ער יאָגט ווי אַמאָל
די טויבן אַראָפּ פונעם דאַך.

און שפּעטער זעצט ער זיך צו
צום וואַסערל, וואָס דאַוונט אין ווינט
און צו מיר ער גיט אַ ווינק —
צו זיַין עלטסט שוועסטער־קינד.

איך זעץ זיך צופוסנס אים,
ער האַלט אויף דער קני מיַין האַנט.
איך זע אין די אויגן בײַ אים
אַ פלאַם פון אַ הייליקן בראַנד.

ער בייגט אויף מיַין האַנט זיַין באָרד —
אַ צווייַגל מיט הענגל־טרויבן.
איך הער ס׳שפּילט ערגעץ אַ פלייט,
און ער זינגט אַזוי צו די טויבן:

— „טויזנטער ייִדן האָב איך
געטאָן זייער הייליק רעכט,
שערבעלעך זיי געלייגט
אַפילו אין פינצטערע נעכט.

נאָר מיר, דעם קברן, אוי וויי,
קומט קיינער נישט טאָן מײַן רעכט,
זוך איך אַ ייִד דאָ אַרום
אין די פינצטערע נעכט...

אַפילו ס'וואָלט עמעץ געוואָלט
מיך זוכן אויף הייליקן פעלד,
וועט ער נאָר טרעפן דעם ווינט,
וואָס שעלט און שעלט און שעלט.

ווײַ איז צום פעטער כיל
מיט זײַן געלאָקטער גאָלדענער באָרד,
וואָס האָט דרײַסיק יאָר געדינט
צו די טויטע אויפן הייליקן אָרט.

דעריבער, מײַן טײַער שוועסטער־קינד,
ווו וועסט נאָר טרעפן אַ שטיין —
טאָ זעץ זיך אַוועק אינעם ווינט
און דײַן פעטער, דעם קברן, באַוויין.

אפשר אונטער דעם שטיין,
ליגט ס'גראָע אַש פון זײַן גוף,
און אפשר גאָר אין וואַסערל,
אין שוואַרצער, פינצטערער טיף.

און אפשר גאָר, ווער ווייסט,
איך הענג ווי אַ רויטער לאַמטערן,
אָט דאָרט, גיב אַ קוק, אויפֿן באַרג,
צווישן די גרינע שטערן...״

— — — — — — — —

כ׳האָב אויפגעהויבן מײַן קאָפּ,
געוואָלט זען דעם סוד פון זײַן טויט —
איז גראָד אויף די בערג אויפגעגאַנגען
די זון אין מאָרגנרויט.

צווישן נעפּלען פון גרין און גאָלד
איז צעשוווּמען דער פעטער כיל.
אויפן שפּיץ פון באַרג דרייט די פליגל
אַ ליידיקע, טויטע מיל.

1947

ס'וועט מער דאָ נישט אויפגיין

ס'וועלן מער דאָ נישט אויפגיין גאָלדענע ווייצן
אין ליכטיקן טאָל;
ס'וועלן מער נישט תּבואות זינגען אין אָוונט,
אַזוי ווי אַמאָל.

די פעלדער זיי ליגן צעאַקערט מיט ביינער
פון אָרעמען ייִד;
ס'האָבן וויינטן די זריעה אין בלוט געטונקען,
מיט אַשן צעשיט.

ס'וועלן מער נישט מאַמעס זינגען דאָ לידער
איבער ייִדישער וויג;
די ביימער אין פרילינג זיי וועלן דאָ אויפגיין
מיט פּעטליעס פון שטריק.

ס'וועלן מער שוין נישט אויפגיין גאָלדענע ווייצן
מיט זאַפטיקן ברויט;
ס'וועלן פרעמדע דאָ קומען און שנײַדן די גראָזן
פון נקמה און טויט.

1945

1945

נאָך איצט וואַלגערן זיך אויף טראַקטן
מײַן טאַטנס תּפֿילין־רצועות פֿון רבנו תּם;
נאָך הענגען וואָלקנס אויף ווערבעס פֿאַרבלוטיקט,
נאָך רײַסט זיך פֿון אַש דער רויטלעכער פֿלאַם.

נאָך קאָנסטו געפֿינען אין וועלדער אַ טלית
פֿון ייִדן, וואָס מ׳האָט דאָרט פֿאַרשלעפּט;
כ׳הער שפּילן דעם ווינט בײַ נאַכט אויף די צווײַגן —
אויף האָר פֿון ייִדישע צעפּ.

נאָך זעסטו אויף טראַקטן זיך וואַלגערן שמות
פֿון הייליקע, ייִדישע ספֿרים;
אַ, שענק מיר דאָס וואָרט כ׳זאָל קאָנען באַקלאָגן
די ערד פֿון בית־עלמינס אָן קבֿרים.

1945

אין קעלער

אין קעלער ליגט אַ מת אונטער ציגל
מיט אויגן אָפענע און גרינע. —
ס'ווייסט קיינער נישט אַחוץ נאָר די לבנה,
וואָס האָט מיט אירע שטראַלן אים געפונען.

דאָ שטייט אַ וואַנט צעפּאַלן און צעקרישלט,
דאָס פאָרהענגל — אויף שוואַרצער קויל פאַרברענט;
אין קעלער ליגט אַ מת אונטער ציגל
מיט געבײַלטע הענט.

פאַרזיגלט מיטן טויט לבנה שיפּט זיך אויבן
און שאַרט צוזאַמען שטערן מיט אַ זילבער־רידל;
אין קעלער ליגט אַ מת אונטער ציגל —
און ס'טויטע האַרץ זינגט אים ווי אַ פידל.

אָ, זינג מיר, פידעלע, פון טויט אין קעלער,
אָ, זינג מיר, פידעלע, פון געבײַלטע פויסטן;
צום אויער טראָג אין בלאָלעכע פאַרטאָגן
דאָס ליד פון האַרץ, וואָס האָט זיך מיר אַנטבלויזט דאָ.

ווער וועט באַפרײַען דיר די הענט, אָ, ברודער,
פון די, וואָס האָבן דיך אין פינצטערניש פאַרמויערט?
ווער וועט פון טויטער פויסט, פון טונקעלן קעלער,
זינגען פאַרן האַרץ דײַן לעצטן טרויער? — —

אין קעלער ליגט אַ מת אונטער ציגל
מיט אויגן אָפענע און גרינע;
ס'ווייסט קיינער נישט אַחוץ נאָר די לבנה,
וואָס האָט מיט אירע שטראַלן אים געפונען.

1945

שימערדיק גאָלד

שימערדיק גאָלד אויף וואַלדיקן שליאַך —
די זון האָט איר קרוין דאָ פאַרלאָרן;
ווי הירשן, געפאַנגען פון פחד און טויט —
געפאַנגען די קינדערשע יאָרן.

אַ גאָלדענער פּאַלאַץ פון פּערעלער טוי,
פון קנאָספּן און גרינע דימענטלער, —
איך זע נאָר מײַן וויג צווישן הימלען שטיין, —
אַ וויגל פון הילצערנע ווענטלער.

די מאַמע לעשט אויס די מנורה פון פּײַן,
וואָס ס'צינדט דער שאָטן אויף מויער.
זי זיצט לעבן מיר און כ'ווייס, ס'וועט באַגין
מיך וועקן אַ שטערן אַ בלויער.

איצט ווייס איך: ס'איז מער שוין קיין הימל נישטאָ,
נישטאָ אין די וואָלקנס קיין שטערן;
עס הענגען אין אַלע געוועלבן פון הימל
מײַן מאַמעס פאַרגליווערטע טרערן.

1945

פרץ אין געטאָ

זיי האָבן גענייט, גענייט, גענייט
פון גראָען פאָדעם דאָס טויטן־קלייד.

האָט איינע געזאָגט: איך בין שוין טויט,
נאָר כ׳וואָלט נאָך געגעסן אַ שטיקל ברויט,

אַ שטיקל ברויט צו דער זעט, צו דער זעט —
אויף מײַן צעבראָכן טויטן־בעט.

זאָגט איר די צווייטע: שוועסטער, איך וואָלט
גענייט דיר אַ קלייד פון לויטער גאָלד,

נאָר כ׳ניי אויך פאַר מיר אַ טויטן־קלייד
נישט פון פאָדעם און נישט פון זײַד,

נאָר פון טונקעלן, שוואַרצן געוואַנט —
פון די נעכט אין געטאָ־לאַנד.

זאָגט זיי די דריטע: שוועסטערל ליב,
איידער מען וועט מיך לייגן אין גרוב

גיי אויפן הייליקן אָרט אַרויס,
גרייט פאַר נייטאָרינס דרײַ אַ שויס —

אַ שפּאַלט אַ שוואַרצע אין דער ערד
מיט אונדזער בלוט אין זאַמד פאַרטרערט.

און איך וועל מיר זינגען דאָס טויטן־ליד
פון גאָלדענעם פאָדעם אין רויטלעכן בלוט —

— — — — — — — — — — — —

מ׳האָט זיי, די אָרעמע נייטאָרינס דרײַ,
געלייגט טויטע אין וואָגן ריי נאָך ריי,

פאַרהילט אין אַ טוך שוואַרץ און דין —
אין פּרצס ברייטער פּעלערין.

1946

צוואָה פון ליכט

צוואָה פון ליכט

נישט דאָס בלוט, נישט דאָס פלייש,
וואָס געמיסטיקט אויף פעלד —
איז דער שׂכר פון דייַן פּייַן,
איז דער שׂכר פון דייַן וועלט.

נישט דאָס מעסער, נישט די רוט,
נישט דער חלף, נישט די שאַנד —
איז דער שׂכר פון דייַן וועג,
איז דער שׂכר פון דייַן לאַנד.

נישט די שטריק, נישט דער רויך,
נישט די תּליה, נישט דראָט —
איז דער שׂכר פון דייַן בלוט,
איז דער שׂכר פון דייַן שפּאָט.

נאָר צוואָה פון ליכט,
וואָס אין האַרץ גליט און העלט,
איז דער שׂכר אויף דייַן וועג,
איז דער שׂכר פאַר דייַן זעל.

1945

די שיינקייט פון דער וועלט

די שיינקייט פון דער וועלט איז בײַ אונדזער שוועל נישט געשטאָרבן.
די תּפילה אויף אונדזער מויל האָסט נישט פאַרוועלקט געפונען.
אויף אונדזער צונג נאָך ברענט פון ליכט אַ ווײַסער צייכן —
פון ליבשאַפט מענטשלעכער, און נישט פון שׂינאה.

אין זוימען פונעם בלוט וועט אויפגיין צוריק די וועלט,
אין זוימען פונעם ליכט, וואָס שטאַרבט נישט אויף דער ערד.
אין זוימען פונעם בלוט ליגט חלום און נצחון,
די שיינקייט פון דער וועלט — דורך שׂינאה נישט פאַרצערט.

אין שאָטן־טאָל איך הער דאָס קול פון אַלע ביינער,
און יעדעס גרעזל דאָרט — מײַן הייליק, גרויסער וואָפן.
אין זוימען פונעם ליכט, וואָס שטאַרבט נישט אויף דער ערד,
אין זוימען פונעם בלוט, — ליגט חלום און נצחון.

1946

פֿאַרגיב מיר

פֿאַרגיב מיר, שאָטן הייליקער פֿון פֿאָלק,
וואָס כ'פֿאַרגעס אין גרויסן טויט אין דײַנע קברים;
איך זוך אין פֿינצטערניש, וואָס וויקלט מײַנע פֿיס,
אַן אויסגעשטרעקטן, ברידערלעכן אָרעם.

ווער וועט זײַן האַנט אויסשטרעקן בײַ נאַכט,
איך זאָל אין פֿינצטערניש נישט פֿאַלן?
איך וואַרט ביז ס'וועט דער הימל מיך באַגינען
אויף ס'נײַ געבוירן אינעם בלוט פֿון שטראַלן.

פֿאַרגיב מיר, שאָטן הייליקער פֿון פֿאָלק,
וואָס כ'האָב שוין נישט די טרער מער צו קלאָגן;
מײַן אויג־אַפּל איז בלינד שוין פֿון געוויין און צאָרן
און כ'וואַרט, אַז ס'זאָל אָנהייבן צו טאָגן.

אפֿשר וועט אַ ליכט מיך ווידער היילן,
אפֿשר וועט די ערד זיך עפֿענען מיט טרוימען;
פֿאַרגיב מיר, שאָטן הייליקער פֿון פֿאָלק,
און בענטש מײַן טראָט, דאָס ליכט כ'זאָל נישט פֿאַרזוימען.

יאַנואַר 1948

לײַכטנדיקע שטערן

כ׳בין אויפגעגאַנגען פון מײַן קינדהייט מיטן טאַטנס פּויסט
און ס׳ערשטע ליד געוואַשן אין מײַן מאַמעס טרער.
ווער ס׳האָט צו אונדזער שוועל געבראַכט דאָס שטיקל ברויט —
האָט אויך די זון געבראַכט אויף אונדזער טריבער ערד.

מײַן פרילינג האָט געבליט צווישן מיסט און מײַז,
צווישן טויטע שטערן — מײַן קינדערישע וועלט.
די וואָלקנס האָבן שלאָפלאָז געצאַפּלט אויף מײַן ברעם,
באַוואַכט מיט אַלע קללות אונדזער וויסט געצעלט.

דערלאַנג מיר איצט דײַן האַנט, דערלאַנג מיר איצט דײַן פּויסט,
און בענטש דער מאַמעס קאָפּ, וואָס איז אין טויט פאַרפּײַניקט.
ס׳איז יעדע טרער פון איר געווען אַ זוימען בלויז,
וואָס האָט אויף טריבער ערד מיט ליבשאַפט אונדז פאַראייניקט.

דער טויט איז נישט אומזיסט. איך זע דײַן האַנט נאָך הענגען —
זי גליט נאָך אין מײַן האַרץ ווי אין די קינדער־יאָרן;
פון ברענענדיקער טרער — עס שפּראָצן ווידער גראָזן,
די ליבשאַפט וואַקסט אַרויס פון אונדזער האַס און צאָרן.

ווײַל ס׳איז אַ נס געשען — אַ נס פון ליכט און ברויט,
די וועלט געהייליקט איז אין אַלע אירע טרערן.
פון דײַן אַש — און פונעם בלוט און טויט
די ערד גייט־אויף אויף ס׳נײַ מיט לײַכטנדיקע שטערן.

1947

בונקער־באַלאַדע

דער ווינט קלאָגט אין דרויסן ביים וואַלדיקן שליאַך —
ביים נאַקעטן טיש זיצן ייִדן זאַלבעאַכט.

ייִדן מיט שוואַרצע און זילבערנע בערד
אין בונקער פון וואַלדיקער, ליימיקער ערד —

דורך לויטערע נעצן פון שטערן און שניי
האָבן שטיוול געקלאַפּט פאַרן בונקער אויף ס׳נײַ.

ווער קלאַפּט עס, ווער קלאַפּט עס צו זיי אַצינד?
אפשר דער שניי און אפשר דער ווינט?

נישט שטורעם, נישט שניי, נאָר ס׳קלאַפּט אויף דער שוועל
אַ גראָע געשטאַלט אין אַ גרינעם שינעל.

וואָס טראָגט ער צו הייל פון ייִדן זאַלבעאַכט?
אין וואַלדיקער, פינצטערער, שטורמיקער נאַכט?

וואָס טראָגט ער אין בוזעם, וואָס טראָגט ער אין אויג?
וואָס האָט זיך זײַן שפּיציקער קאָפּ דאָ פאַרנויגט?

דורך שפּאַרעס פון בונקער — לבנהקער טרויער,
דער שאָטן, דער שאָטן אויף עמעצן לויערט. —

— — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז שבת אין בונקער. אַכט ייִדן פון שטעטל
אין שוואַרצן כאַלאַט, מיט באָרד און קאַשקעטל,

געגרייט איז דאָס מאָלצײַט אויף ערדענעם טיש,
נישט ברויט און נישט ווײַן, נישט ייִדישע פיש,

נאָר וואַקסענע ליכט אין לײַכטער צעברענען,
ס׳קאָן קיינער דעם שבת שוין מער נישט דערקענען,

עס טרייסלט דער פּחד אַ צאָן אין אַ צאָן:
וואָס ווילסטו, אָ גאָט, מיט די אַכט איצטער טאָן?

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ וואַלד. אַ טײַכל. אַ זאַמד־וועג מיט ביימער —
געבונדן עס גייט די קהילה אין אימה,

אַלטע קברנים גראָבן דאָ גריבער
פֿאַר די, וואָס זיצן נאָך איצט אין די שטיבער,

אַלטע למדנים בײַ גמרות, משניות,
באַקלאָגן, באַוויינען אַ שטעטל לוויות,

כאָטש נישט מיט לוויה, מיט אָרון און מיטה —
שטאַרבן די ייִדן פֿון פּוילן און ליטע.

שוין ליגט מען אין העלפּט מיט ערד דאָ פֿאַרשיטע,
ביז גאַרטל אין קבר, דעם האַלדז צו דער שחיטה,

דער האַלדז און די אויגן מיט טויט און בהלה —
די ליפּן קרימען אַ ביטערע קללה

צום תּלין, צום מעסער, גרייטע צום שעכטן;
און אפֿשר — אַ תּפֿילה צו גאָט דעם גערעכטן?

גערעכט איז אויף אייביק זײַן נאָמען, זײַן ליבער,
ווען לעבעדיק גייען דאָ ייִדן אין גריבער

און ס׳ליגט שוין דאָס שטעטל פֿון שׂרפֿה פֿאַרלענדט,
ספֿרים, טליתים, מצבות געשענדט. — —

נאָר ס׳מוזן אַוודאי נאָך זשידעס זײַן אויך,
ווען ס׳ציט זיך פון ערד אַ זילבערנער רויך,

די שׂינאה צעטלזעט, צעברענט די רציחה,
אַ שׂרפה צעקאָכט די דײַטשישע יוכע

צום בונקער פון לײם, דרײַ אײלן אין דרערד,
(געמיינט ס׳וועט לעבן נאָך זײַן זיי באַשערט),

נאָר נישט צום געגנאַרן די דײַטשישע נעז —
אַ ייִד אין אַ בונקער — איז נאָך נישט אַ מת,

ער קאָן זיך נאָך וויגן אויף בוים מיט אַ שטריק,
און זײַן אויך אַ ציל פאַר דער קויל פון אַ ביקס,

צוזאַמען מיט ווינט, וואָס פּיעשטשעט און גלעט,
וועט גלעטן זײַן גוף דער שפּיץ פון באַגנעט...

— — — — — — — — — — — — — —

און ס׳שטייט נאָך אין שאָטן דער גרינער שינעל
מיט וועלפישע אויגן אויף בונקערשער שוועל,

דרײַ אײלן אין דרערד ליגט דער בונקער פון לײם —
אַכט ייִדן אין בונקער אין וואַלדיקער היים;

אַכט ייִדן זיי בענטשן די הענט מיט געוויין
בײַם פלאַם פון די ליכט און רויכיקער שײַן —

און איבער די שיפלעכע וועגט פון דער הייל
פאַלט שאָטן אויף שאָטן אין סכנה־געאײַל,

ווי שוואַרצע שאַקאַלן מיט צינגער געשטרעקט,
ווי הענט מיט שאַרפע, געשליפענע העק —

פון שנייזקע נעפּלען בלײַבט הענגען און פּאַלט
אַ זילבערנער נעפּל פון נאָענטן וואַלד — — —

ווען ס'האָט זיך דער זילבערנער נעפּל צעשאַרט,
האָט נאָך בײַ דעם בונקער עמעץ געוואַרט,

געשטאַנען אַליין ווי אַ בוים אַ פאַרשנייטער
מיט מעסער און חלף פאַר ייִדן אַ גרייטער.

און אונטן, אין בונקער, אַ ליכטל נאָך צאַנקט,
אַכט ייִדן זינגען דאָס שבת־געזאַנג,

די מלכּתא שבת זיצט בײַ דער זײַט
אין בלויען, זײַדן, הימלדיק קלייד,

טראָגט זי אויף אָרעמס ווײַן און ברויט
צום לעצטן מאָלצײַט פון ייִדן־טויט.

— — — — — — — — — — — —

ווען ס'האָבן געגרייט זיך ייִדן זאַלבעאַכט
צו שטרעקן די העלדזער צו חלף און נאַכט,

גרייטע געשטאַנען צום מעסער און פלאַם
פאַר קידוש השם און קידוש העם,

געוויקלט אין טלית דאָס ציטערדיק לײַב
און שטאַרבן געגרייט זיך מיט קינד און מיט ווײַב —

האָט איינער, דער ייִנגסטער פון ייִדן אין הייל,
צעריסן דעם טלית מיט פויסטן־געבײַל,

צעלאָשן די ליכטער, וואָס האָבן געברענט,
געשטעלט זיך אויף שוועל מיט צעפּאַכטע הענט,

און זיך צעשריַען מיט ייִדיש געוויין,
איינער פון אַכט, איינער אַליין:

— ייִדן! — האָט שׂרפה געצונדן זיַין ברעם —
גאָט וויל נישט אַזאַ קידוש השם,

גאָט וויל נישט אַזאַ קידוש העם,
ווען ס'גייט מיט הכנעה דער קרבן צום פלאַם!..

בלויז איינער דער וועג איז צו הייליקן אים,
צום כּבוד פון פאָלק און אייביקן רום —

דער וועג איז: מיט מעסערס צום שׂונאס ליַיב!
מיט חלף שיצן קינד און וויַיב!

שטאַרבן מיט נעגל אין גאָרגל פון פיַינד,
איידער אין גסיסה מיט ייִדיש געוויין.

קידוש השם און קידוש העם —
איז אויפגיין צו גבורה דורך בלוט און דורך פלאַם!..

1947

אין יעדער צעבראָכענער זילב

שוין אַנדערע האָבן פֿאַר מיר,
מיט געטער גערעדט אינעם ווינט.
די ליבשאַפֿט, דעם פֿרילינג, דעם ים,
געטרונקען, ווי איך אַצינד.

און איבער די היילן פֿון שטיין,
זענען שטערן געהאָנגען פֿאַרבלענדט. —
דער מענטש און דער הימל אַליין
האָבן צו זיך נאָר גענענט.

איז וואָס, אַז איך בין נאָר פֿאַר דיר
אין טונקל אַ פֿויזענדע מילב —
כ׳האָב דערזען דאָס ליכט אינעם וואָרט,
מיך בישופֿט דער קלאַנג פֿון אַ זילב.

איך ליג אין נעץ פֿון די שטערן,
וואָס וויגט מיך צוריק און אַהין.
איך גיי אויפֿן פֿלאַך פֿון מײַן לעבן,
ווי אַ גילדענע, זשומענדע בין.

איך וועל שוין נישט שטאַרבן אויף דר׳ערד,
כ׳וועל בלײַבן אין שאָרך פֿון אַ מילב.
אין שטיין, אין ערד, אין אַ וואָרט,
אין יעדער צעבראָכענער זילב.

אַ קליין ליד צום אומשטאַרביקן לי־טאַי־פּע

טויזנט יאָר ווי אַן אומגעקערטער ווײַן־בעכער,
ליגט אויף די וואַסערן פון פאַרגאַנגלעכקייט.
און דו — דו זינגסט נאָך אַלץ צו מיר בײַ נאַכט,
ווען נעמסט אַרום דעם בלייכן זוים
פון ציטערדיקן לבנה־שאָטן אינעם טײַך.

ביסט נישט געשטאָרבן מיט טויזנט יאָר צוריק,
וואָרעם דער הימל שטאַרבט נישט,
דער שטערן שטאַרבט נישט,
די לבנה שטאַרבט נישט,
די ליבשאַפט שטאַרבט נישט —
וואָרעם דאָס שטאַרבן איז נאָר קיל וואַסער,
געמישט אין שוימענדיקן בעכער פון אונדזער לעבן.

אַלטער, גרויסער טאַטע פון געזאַנג, לי־טאַי־פּע,
אַ שפּליטער פון דײַן זינגענדיקן ווײַן־בעכער,
ברענט פאַרוואָגלט אויף מײַן האַרץ.
מיך בּישופט דער שאָטן פון בוים,
מיך בּישופט דער שאָטן פון אַ בלום,
מיך בּישופט דער שאָטן פון אַ פרויען־האַנט,
מיך בּישופט דער טרערנדיקער ווימפּער פון אַ קינד,
מיך בּישופט דער שאָטן פון אַ וואַלד —
און כ'האָב מורא צו שיפן זיך אין אָוונט־צײַט אַליין
אויף שטילע וואַסערן אונטער דער לבנה —
פון צו פיל שיינקייט.

1949

געזאַנג אין דער פינצטער

(לידער געשריבן אין געטאָ 1940—1944)

געהייליקט דעם זכרון פון מײַן פאָטער משה ז״ל, ב״ר שמואל און פערל־דבורה שפּיגל, — וואָס האָט מיט האַלב־אָפּגע־שטאָרבענע הענט פאַרגראָבן מײַנע כתבים — די לידער און נאָוועלן — אין אַ געטאָ־קעלער בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ לאָדזש, סוף אויגוסט 1944.

ווּ וועלן מיר לייגן אונדזערע קעפּ

נאַכט. ס׳ברענט אין שטאָט די לעצטע שול.
אָנגעצונדן ס׳האָט דער שׂונא גאָטס לעצטע טרעפּ.
איך גיי מיט זיי, מיט אַלע נע־ונדניקעס אויף דעמער־וועגן:
— ווּ וועלן מיר הײַנט אָוועקלייגן אונדזערע קעפּ?

די לעצטע שולן ברענען אין די שטעטלער. ס׳טליִען אַלטע קלויזן,
אין זייערע ווינקלען זיצט נאָך איצט די שרעק פון גזירה ת״ח.
— ווּ וועל איך, גאָט, מיט אַלע די פאַרטריבענע.
אָוועקלייגן דעם קאָפּ הײַנט בײַ נאַכט?

— אין ערגעץ נישט.
די לעצטע שולן ברענען.
ס׳ברענען אַלטע קלויזן,
אין רויטן אַש גייט־אויס דײַן לעצטע טרעפּ;
אַ, גאָט, פון אַלע הייליקע נע־ונדניקעס,
ווּ וועלן מיר הײַנט בײַ נאַכט לייגן אונדזערע קעפּ?

1940

מ׳יר וועלן אין מיטן נאַכט...

מ׳יר וועלן אין מיטן נאַכט אַרויסגיין ביידע צו די דראָטן —
קיינער זאָל נישט וויסן,
און הייסן דאָרט די ערשטע בעסטע ביקס —
צו אונדז שיסן.

ס׳איז סײַ ווי סײַ אונדז ביידן מער דאָ נישט געבליבן,
ווי דעם קאָפּ לייגן אויף די דראָטן.
אַ גרינע נאַכט וועט פאַלן איבער אונדז,
אַ גרינע נאַכט מיט שטערן און מיט שאָטן.

אַרומגענומען ביידע מיט די הענט —
מיר וועלן דאָרטן ליגן, ליגן...
און צופוסנס פון אַ ביקס עס וועלן נאָר
די שטערן אונדז פאַרוויגן, וויגן...

1940

מײַן טויט אויף דראָטן־צוים

ס׳ציטערן בײַ נאַכט די דראָטן אויפֿן צוים ווי שורות אין אַ סידור, —
לייג איך אָוועק מײַן האַרץ דאָרט — אַ פֿויגל אויפֿן פּלויט;
צו נאַכט און שנײי איך פֿלי, פֿאַרבלוטיקט און אַ מידער,
און כ׳ווייס, אַז צו מײַן האַרץ צילט דער געטאָ־טויט.

אויף ברענענדיקן דראָט איך ליג, טרינק פֿון מאַמעס הענט
די ציטערדיקע טרער פֿון אַלע תּפֿילות אירע;
מײַן האַרץ איז איצט אַ פֿליגל, צעבראָכן און פֿאַרשעמט,
און יעדער אָדער — אַ בלוטנדיקע רויטע שורה.

ס׳געפֿינט דער שנײי בײַ נאַכט מײַן האַרץ מיט וווּנדן העלע,
מײַן לײַב אַזוי ווי ברויט, געטונקט אין בלוט־בעכער;
און ס׳רײַסט זיך נאָך מײַן קעל אין פֿויגליש לעצטע טרעלן —
אַ פֿויגל אַ פֿאַרבלוטיקטער צו הימלען העכער, העכער...

1943

די שטערן צינדן מיר אָן

כ׳בין הונגעריק נאָך דײַן ליכט יעדן טאָג,
ווי נאָכן ברויט, וואָס איך עס אינעם חלום.
כ׳בין דאָרשטיק נאָך דײַן וואָרט יעדן טאָג,
ווי נאָכן ווײַן, וואָס איך טרינק אינעם חלום.

ד׳ו האָסט מיך פאַרשטילט ווי אַ מושלע
אין גאָלד־זאַמד אויף אַ ווײַטן ברעג.
די שטערן צינדן מיר אָן —
איך הענג איבער אָפענעם תהום
און טרינק דײַן קילע אָוונטיקע שײַן
ערב טויט און פאַרגיין.

1941

הונגער

איך ליג בײַ נאַכט אַ הונגעריקער, נאַקעט, נישט פאַרדעקט,
דער הימל הענגט אין שויב גליווערדיק און טויט.
מיט דראָבנעם מאָן פאַלט אויף מײַן קאָפּ דער מילכוועג,
און ס׳ציטערט פון לבנה־זוים אויף מײַן מויל — אַ שטיקל ברויט.

זיי װעלן קומען באַלד באַגינען, באַגינען אויפהייבן מײַן קאָפּ,
און מײַנע אויגן — שטערן צוויי — ווי שטויב זיי װעלן זיך צעפּאַלן.
בלויז אויף מײַן מויל ס׳וועט פלאַטערן דאָס שטיקל ברויט,
און זינגען פונעם מילכוועג און פון כּישופדיקע שטראַלן.

זיי װעלן שוין מײַן גוף און מײַן געשטאַלט נישט דערקענען —
דער הונגער האָט פאַרצערט מײַן קאַלטע, טויטע הויט.
און ווען זיי װעלן אויפן וואָגן מיך מיט ווינטן לייגן —
וועל איך נאָר זייגן פונעם מילכוועג ס׳לבנהדיקע שטיקל ברויט.

1943

דער ווינט

פאַרפּאַקט דאָס ביסל בעטגעוואַנט,
דאָס פּיצל קינד אין שויס —
מיר וואַרטן. ס׳וועט דער שׂונא באַלד
אָנקומען אין הויז.

ער קומט, ער קומט, ער קומט ביַי נאַכט,
ער קומט דאָ אומגעריכט;
זיצן מיר אין פינצטערניש —
נישט אָנגעצונדן ס׳ליכט.

פון דער גאַס פאַלט אַריַין
לאַמטערן־ליכט אויף ווענט;
ווי צום טויט פאַרמישפּטע,
מען האַלט זיך פאַר די הענט.

און פּלוצעם — ס׳האַרץ בליַיבט שטיין,
ס׳גייט עמעץ אויף די שטיגן;
ס׳איז נאָר אַריַין — דער ווינט, דער ווינט —
געפונען טויט אונדז ליגן.

1941

שענק מיר ווידער

איך קען שוין איצט דעם טויט פון אַלע טויטן,
ווי דעם פויגל־פלאַטער אין באַגינענס פריִע;
איך זע אין יעדן טיש
דאָס האָלץ פון מײַן ברודערס תּליה.

איך קען שוין איצט די פּײַן פון אַלע פּײַנען,
די נאַכט, וואָס גייט אויף אונדז מיט חלף רויטן;
כ׳הער ייִדן זינגען אין פאַרברענטע קלויזן
דאָס הייליק ליד פון אַלע אונדזערע טויטן.

איך קען שוין איצט דעם וועג צו אַלע תּהומען —
דעם תּהלים־גאַנג פון אונדזערע עלטער־זיידעס;
וועל איך ווי אַ מויער דאָ אין וואָגל־וועג פאַרבלײַבן
און אויף דורות זײַן אײַער שטומער עדות.

אַן עדות פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַרשניטן,
אַן עדות פון אַ פלאַם, וואָס האָט פאַרצערט;
אָ, שענק מיר ווידער שטילן טויט און פרידן,
אויף פרידלעכער און שטילער גרינער ערד.

1943

פאַר וואָס

פאַר וואָס זאָל איך נישט אויפהייבן די האַק
און אַראָפּלאָזן ווי אַ ווינט איבער עמעצנס קאַרק —
ס'זאָל רינען דאָס בלוט ווי פון געשלאָגענע פערד,
ס'זאָל זידן און קאָכן פלאַמיק און שטאַרק?

פאַר וואָס זאָל איך נישט איבער עמעצנס האַלדז
פאַרלייגן די פעטליע, פאַרציִען די שטריק.
אין ווינט זאָלן זיך הוידען געבונדענע הענט,
און טרעטן כ'זאָל איבער צעבראָכן געניק?

פאַר וואָס זאָל איך נישט איבער עמעצנס קאַרק
וואַרפן די שאַרף פון געשליפענער האַק —
אַזוי ווי זיי האָבן מיט יעדן פון אונדז,
אָרעמע ברידער, געטאָן אין באַראַק?

אָרעמער ברודער, באַהאַלט נישט די שאַרף,
באַהאַלט נישט אונטערן מאַנטל די שטריק!
דער ווינט וועט אונדז העלפן גיין אין דער נאַכט,
דער ווינט וועט אונדז ווייַזן דעם וועג אויף צוריק.

1942

כ׳וועל לייגן מײַן קאָפּ

כ׳וועל לייגן מײַן קאָפּ אויף ווינט און נאַכט
הינטער אַ דראָטענעם פּלויט;
כ׳וועל וואַרטן ביז ווינט וועט זינגען פון וואַלד
פון מײַן טויט, פון מײַן טויט, פון מײַן טויט.

די ערד בענקט צום וואַלד און צום ווינט,
אין נעפּלען הענגען די שטערן;
ווער וועט קומען אויף טונקעלער ערד
מיך הערן, הערן, הערן?

ס׳וועט קיינער נישט קומען צום וואַלד אַהין,
די נעפּלען קושן די שטיינער;
כ׳וועל לייגן מײַן קאָפּ אויף ווינט און נאַכט —
מײַנע טויטע, טויטע ביינער.

1942

אין קאַרצער דעמערט

אין קאַרצער דעמערט. שוין די דריטע נאַכט
איך ליג געוואָרגן אויף דער פּריטשע;
אין דרויסן האָט אין שלעגער־גאָרטן די לבנה
געשפּונען טיכער ווײַסע, ווי צו אַ חופּה.

ווײַסע טיכער און זײַדענע געווענדער,
אָנגעהאָנגען כּישוף אויף די ביימער;
אַכט ייִדן אויף דער פּריטשע לעבן פענצטער
שלאָפן נישט פון שוואַרצער אימה.

וואָס זיצן ייִדן אַכט אויף דער פּריטשע,
וואָס זוכן זיי אַזוי דורך לעבער? —
ערגעץ וויינט דער ווינט איבער זיי,
ערגעץ וויינט דער ווינט איבער דעכער.

וואָס קאָן דער ווינט דערציילן אויף די דעכער,
וואָס קאָן אַ רעגן אויסוויינען פאַר זיי?
אַכט ייִדן אויף דער פּריטשע ווי געקווילעט,
אויף דער פּריטשע ליגן אָנגעגרייט.

צוקאָפּנס נאָר — דער עלנבויגן קנאָכיק,
די פינגער אײַנגעקניפּט אין קאַלטער באַק;
אין דרויסן די לבנה, די לבנה —
גייט אונדז אַקעגן מיט איר אָנגעשאַרפטער האַק.

1943

ליפּעס ווײַנען מיט צוויט

יעדן טאָג וועל איך אויפשטיין און זען:
ליפּעס ווײַנען מיט צוויט,
געפּאַנצערטע חיילות ציִען אויפן הימל מיט ריִטוועגענער,
אין געפלאָכטענע וואָלקנס, מיט ווינט געוועבט,
שווימען זעגל־שיפן איבער בלאָקייט פון שויב.
צו אַ טונקעלן ברעג,
צו אַ טונקעלן ברעג.

יעדן טאָג וועל איך אויפשטיין און זען:
די ליפּעס פּאַר מײַן פענצטער ווײַנען מיט צוויט,
נישט ברוין זייער קאָרע, נאָר גערונצלטע הויט —
זיי האָבן נאָר איין מאָל געבליט,
און ווילן נישט שטאַרבן
מיט אַ ווײַסן טויט.
מיט אַ ווײַסן טויט.

איבער מיר האָבן ווײַנענדיק ליפּעס געשאָרכט,
געשאָרכט מיט פּאַרריסענע קעפּ;
אין געפלאָכטענע וואָלקנס מיט ווינט געוועבט,
געטראָגן אַהער צו טויטער טרעפּ,
צו טויטער טרעפּ.

איצט הענג איך אויף צווײַגן, טרינק שטורעם און בליץ,
און כ׳קאָן נישט אַנטלויפן פון בלוט־רויטע נעבט;
איך פאַל מיטן צוויט, כ׳גיי אויס מיטן טוי —
אין איינזאַמען קאַלטן שאָטן־געפלעכט,
אין איינזאַמען קאַלטן שאָטן־געפלעכט.

1940

אַ ברונעם אין געטאָ

דאָס גאָלד פון אָוונט־זון געטריפט האָט אינעם ברונעם,
מיט פּישוף־רייד פליסטערט נאַכט־ווינט אויף די צווייַגן;
אַראָפּגעגאַנגען איז די זון איצט אינעם ברונעם שטאַרבן,
אָפּגעצוימטע וועלן מיר די קעפּ אונטער שטערן לייגן.

מיר זענעןביידע אָנגעגרייט צום שטאַרבן
און לערנען זיך אויסגיין מיטן טאָג צוגלייַך;
מיט זילבער־וועסלעס שיפט אַוועק אונדז לעצטער שאָטן,
ווי אויף אַ פליסנדיקן, גראָען טייַך.

וואָס איז אַזוינס די אָוונט־שטילקייט אויף אַ טייַך?
וואָס איז אַזוינס די טיפעניש פון שוואַרצן ברונעם?
ווי גאָלדיק שיין בלענדט זייער ראַנד פאַרטאָגן,
שוין גלעט דעם טויטס זילבער־וועסלע אונדזער פּנים.

1943

דאָס שניי־פּעלד הינטער דראָט

דאָס שניי־פּעלד הינטער דראָט איז ווײַס, כ׳וויקל זיך אין אים ווי אין פּאַרמעט.
מײַן יעדער טראָט — אַ טראָפּן בלוט, ווי אַ הייליק ייִדיש אות,
איך שרײַב אויף אים אין מײַן געלאָף, ווי אַן אַלטער בלינדער סופר —
איך לויף און פּאַל — ס׳הילכט־אָפּ פון געטאָ־צוים צו מיר אַ שאָס.

איך ליג שוין מיט אַ וואָלקן פּאַרבלוטיקט אויפן שניי־פּעלד —
אַן אָרעמער, צעשאָסענער, אַנטלויפנדיקער ייִד;
מיט הענט פּאַרבלוטיקטע איך קלײַב אויפן רויטן פּאַרמעט
די לעצטע שורות פון מײַן ייִדיש ליד.

ס׳איז אָנגעגרייט דער לוין פאַר מײַן דורכגעשאָסן האַרץ —
אַ פּאַרמעט־פּעלד, ווו טויט פון הימלען לויערט;
דאָ ליג איך מיטן ווינט, דאָ ליג איך מיט אַ שטערן,
דאָ זינג איך ס׳לעצטע ליד פון צוימען און פון טרויער.

1943

האָסט אונדז פֿאַרלאָזט

האָסט אונדז פֿאַרלאָזט אויף יעדן פּיצל אָרט,
פֿון אַלע היימען ס׳איז קיין היים נישטאָ מער;
ס׳שטייט אָפֿן ס׳האַרץ פֿאַר יעדן פֿלאַם און מאָרד,
און ס׳העלפֿט שוין נישט די תּפֿילה און דער יאָמער.

די וויַיסל זינגט ביַי נאַכט מיט לבנהדיקע גלעקער,
וואָס ליגן טיף פֿאַרזונקען אין די דנאָען;
פֿאַרכּישופֿט פֿירן אונדז אָוונטיקע פֿעלדער,
ביז ס׳וויקלען נעפּלען זייערע ערשטע שעהען.

ס׳האָט אונדזער טויט געהייליקט דיך צו ווייניק,
האָסט אונדז פֿאַרלאָזט אויף יעדן פּיצל אָרט.
פֿון אַלע היימען ס׳איז קיין היים נישטאָ מער,
שטייט אָפֿן ס׳האַרץ פֿאַר יעדן פֿלאַם און מאָרד.

1943

מייַן טאַטע

מיט ווערבער־ייִדן פלעגסט זיצן שבת אין דער קלויז,
דער לעצטער האָסט די טיר פון קלויז פאַרמאַכט;
מיט פרושים מעשׂיות זיך דערציילט אַ גאַנצע נאַכט
און מיטן מאָרגנשטערן קומען אינעם הויז.

דער עול פון פרנסה האָט דיר דעם שלאָף געראַבט
און זילבער איז געלעגן אויף דייַן שלייף, ווי טוי;
לעבן דיר — אַ דערשראָקענע, ווי אין הימל־בלוי,
אַרומגעקרייַזט האָט די מאַמע — אַ בלייכע טויב.

אָט איז דער סוף פון אונדזער הימל־ראַנד,
אָט איז דער סוף פון אַלע פריידן שוין;
מייַן טאַטנס וואָרט הענגט אויף מייַן קאָפּ, ווי אַ קרוין,
די בלייכע טויב וועט מייַנע לעצטע טריט פאַרוויגן.

1941

דער לעצטער שבת־שטערן

דער לעצטער שבת־שטערן לעשט זיך אויפן פירמאַמענט,
די שבת־לײַכטער שטייען נאָך און גלאַנצן מיטן טויטן מעש,
אויפן בעט די מאַמע ליגט, אַ סנאָפּ, געקוילעט אויף אירע הענט,
דער ווינט אין פענצטער זינגט איר נאָך פונעם בעש״ט.

דער טאַטע איז נישטאָ, און ווינקל, לעבן קליידער־שאַנק —
הענגט זײַן כאַלאַטל מיט אַ דינעם פלעק פון אָוונט־גרויל.
און ווינקל, ווו איך ליג, ליגט שוין דער שבת טויט,
און כ׳הער דעם בעש״ט ווי ער וויינט הויך אויפן קול...

1940

רויטער מאָן

אַרײַנגעשלײַדערט האָט מען זיי —
אָן פענצטערלעך — דער וואַגאָן.
ערגעץ ליגט דאָס פעלד געגרייט,
וואַקסט דאָרט רויטער מאָן.

אַרײַנגעשלײַדערט אין דער פרי —
לויפט איצט דער וואַגאָן.
כ׳ליג אויף פעלד פאַר טויט געגרייט —
צעבליטער רויטער מאָן.

1942

פיאַלעטער יולי 1942

פיאַלעטער פרימאָרגן אין יולי. די זון וועט שוין מאָרגן נישט אויפגיין
פאַר די, וואָס שטייען געפּרעסטע, אויבן אין אויטאָ.
די אויגן זיי זעען שוין גאָרנישט, מיט חיהשן פּחד פאַרגליווערט,
דאָס שענסטע ליד זינגט דער הימל איבער די קעפּ פון די טויטע.

די אויטאָס זיי שטייען פאַרלאָדנט. מאָטאָרן קלאַפּן פאַרביסן —
זיי קלאַפּן אַ ריטמיש געביל פון ווילדע, משוגענע הינט.
די אויטאָס פאָרן אַוועק שוין. לאָמיר די אויגן פאַרשליסן —
פיאַלעטער פרימאָרגן אין יולי. ס׳איז זומערדיק לינד.

1942

אין דער וועלט אַרײַן

דו ביסט געלעגן דעמאָלט אינעם וויגל,
פֿאַרהילט אין בלאָער אָוונט־שײַן,
ווען ס׳איז דער שׂונא אין דער שטוב
צו אונדז אַרײַן.

דער שׂונא איז אַרײַן אין שטוב —
די שאַנק אויפֿגעפּראַלט.
פֿון שכנס שטוב האָט זיך געטראָגן
אַ צעשניטענער געוואַלד.

דער שׂונא איז צו דיר אויך צו,
געביקעט ווי אַ שד.
און מיט זײַן שווערד די קישנס
צעריסן אויפֿן בעט.

געלעגן ביסט אינעם וויגל,
פֿאַרהילט אין בלאָער אָוונט־שײַן.
איך האָב געכאַפּט דיך אויף די הענט,
און מיר ביידע האָבן זיך געלאָזט
אין דער וועלט אַרײַן,
אין דער וועלט אַרײַן.

1941

ווייַסער קאַרשנבוים

דער קאַרשנבוים לעבצט צום הימל —
איך הענג פון זייַנע צווייַגן אַראָפּ.
ס׳טריפט אויף אים דער ווינט
מיט קילע סעדער און ערד —
און דער הימל איז פאַרבאָרגן.

ווי קינדער גייען די מענטשן צו אים צו
און קושן זייַנע צווייַגן;
די קאַרשן־צוויטן זענען זיס, ווי זיס —
ווי די קנאָספּן פון ליכט.

איך זיץ בייַם צעבראָכענעם ברונעם
אין אָוונט־גאָלד מיט דיר, מייַן קאַרשנבוים.
מייַנע הענט טראָגן מיך ערגעץ ווו,
אָן שטורעם, אָן בליץ, אָן ווינט, אָן טרוים.

ווי זיס איז צו זייַן אַזוי נאָענט פון טויט
און וויסן, אַז שפּעטער וועט אויך אַזוי זייַן:
די זון, די שטערן, דער וואַלד, און די ערד,
אין בלעטער־גערויש וועט טרילן דער פויגל
אין אָוונט־גאָלד,
אויף אַ קאַרשנבוים,
אויף אַ בערגעלע ערד...

דייַנע קאַרשנצוויטן זענען זיס, אוי ווי זיס —
מייַן ווייַסער קאַרשנבוים.

1942

באַלאַדע פון שוואַרצן אָדלער

אַ שטוב מיט אַ פויגל אַ שוואַרצן, וואָס הענגט דאָרט
די פליגל צעשפּרייט און געשפּאָלטן.
פינף שלעגער, פינף שלעגער ביי פויגלשע נעגל, —
דער טויט — אין דער סוואַסטיק באַהאַלטן.

די ווענט זענען בּאָרדאָ, מיט רויזלעך צעבליטע,
אַ סאָפּקע — אַ ווייכער געלעגער;
שוין שטייען די צווייגלעך די ערשטע פון גאָרטן,
פון גאָרטן לעבּן די שלעגער.

זיי זיצן אין שיכּור־געפלוידער — די פינעף,
דער גאָרטן — ער בּישופט מיט בלעטער.
אויף אַלע פיר ווענט הענגען העלצער און שטעקנס
פאַר ייִדן אויף פריטשענע ברעטער.

רויך פון ציגאַרן אויף שמאַלציקע ליפּן,
דער פויגל — פון האַס אַ פאַרבלענדטער,
שוין ציטערט די סוואַסטיק, די סוואַסטיק אין נעגל —
דער האַקן־קרייץ גליִען באַלד וועט ער.

די אויגן זיי ווערן אים רויטער, געשוואָלן,
ער רייסט זיך, ער פּאַטשט מיט די פליגל.
ער רייסט זיך אַראָפּ פון דער וואַנט מיט די שטעקנס
און קרייזט איבער קעפּ אויס אַן עיגול.

דער שנאָבל ווערט שפּיציק, ער עפנט זיך ברייטער,
און קלאַפּט אין דער אייזערנער קראַטע.
ער לעבּצט נאָך אַ ייִד פון דער הילצערנער פריטשע,
אַ פּלייצע, אַ פּלייצע, אַ לאַטע...

ער רײַסט מיט די פֿליגל, און אונטן — די פֿינעף —
זיי זיצן און גרייטן די דרענגער.
אַ רויך פֿון ציגאַרן אויף חלבנע ליפּן —
דער אָדלערשער שנאָבל ווערט לענגער.

און אָט גיט אַ סקריפּ פֿון דרויסן די טיר —
אַ מענטשל בלײַבט שטיין אײַנגעבויגן,
אַ מענטש אין אַ בינטעלע ביינער באַהאַלטן,
און שרעק, ווײַסע שרעק אין די אויגן.

אַ הילכיק געלעכטער צעקײַכט האָבן אַלע —
פֿינעף ווילדע, צעקײַכטע געלעכטערס,
ווי ס'וואָלטן טייוולאָנים פֿינעף כיכיקעט
אויף בוזעמס פֿון שדישע טעכטער.

שטייט דאָ — אַ פּלייצע און אויף איר — אַ לאַטע —
ד'ער אָדלער — ער גליט שוין, דער שוואַרצער,
ר׳ עוזרל קלעזמער פֿון וולוין, לעבן וואַרטע,
גערופֿן אַרויף איז פֿון קאַרצער.

און אַלע זיי וואַרטן. די פֿינעף, זיי וואַרטן,
און יעדער אין האַנט האַלט אַ שטעקן.
דער אָדלער, דער אָדלער מיט סוואַסטיק ער פּאָכעט:
— טײַוולאָנישער יודע, פֿאַרעקע !...

1943

צו דיר — אין אַ צעריסן קלייד

פּאַר צילען

א. דער טויטער ברונעם

אַהער געבראַכט האָט אונדז דער טויטער ברונעם,
דאָס סודותפולע, קול פון שטערן אויפן פירמאַמענט:
ווי דעם נאַכטפויגל אויף צווייַג זייַנע דינע פליגל —
ציטערן אויף דייַן האַלדז מייַנע הענט.

בלעטער־רויש און כּישופדיק געפּליסטער
נעמען אונדז אַרום באַהאַלטענע אין שאָטן.
די שטאָט ליגט טויט. אין פינצטערניש די שטערן
הענגען אויפגעהאָנגען ווייַטע און פאַרבאָטן.

מיר וועלן דאָ אין איינזאַמקייט פאַרשטיינטע שווייַגן,
און אויפן טויטן־ברונעם בלייַבן ביז באַגינען.
דער נאַכט־ווינט וועט דערציילן שפּעטער אויף די צווייַגן,
ווי ס'האָט דער טויט אונדז ביידן דאָ געפונען.

1943

ב. די אויגן דײַנע זענען גרין...

די אויגן דײַנע זענען גרין —
צוויי קוועלעכלעך אַרומגעזוימט מיט גראָזן;
אין זייער שאָטן שפּילט דאָס קילע אָוונט־גאָלד,
ווי איבער הויכע, טרויעריקע בעריאָזן.

די אויגן דײַנע זענען גרין, —
צוויי קוועלעכלעך פֿאַרשפּרייטן פֿרישע וואַסער־טראָפּן;
ליג איך דאָרט אין אָוונט, צווישן גראָזן
און גרינע קוועלעכלעך זינגען מיר צוקאָפּנס.

ס'איז גוט אין אָוונט־פֿינצטערניש אַליין
צו טרינקען קילן ווײַן פֿון דײַנע גרינע אויגן;
איך ווער אַליין אַ טרויעריקע בעריאָזע,
וואָס ציטערט איבער קוועלעכלעך געבויגן.

1943

ג. הינטער דײַן פֿאַרמאַכטער טיר

הײַנט ביסטו מיד, וועל איך דיר גאָרנישט זאָגן,
גאָרנישט זאָגן און אַרויסגיין שטיל.
כ׳וועל אַפֿילו די אויגן נישט עפֿענען,
זאָלן זיי הענגען אויפֿן דיל,
אַזוי שטיל,
אַזוי שטיל.

הײַנט ביסטו מיד, מיד נאָכן וויינען.
שטיי איך בלויז הינטער דײַן פֿאַרמאַכטער טיר.
איך וויל נישט שטערן דיר אין וויינען,
וועל איך שטיין אַזוי הינטער דײַן פֿאַרמאַכטער טיר,
אין דרויסן הינטער דער פֿאַרמאַכטער טיר —
און אויבעט וויינען.

1943

ד. כ׳ווייס נישט

כ׳ווייס נישט פאַר וואָס דו זאָגסט אַזוי,
איך ווייס נישט פאַר וואָס דו שווײַגסט אַזוי פאַרביסן;
מײַן יעדעס וואָרט דו וואַשסט מיט טרערן אָפּ
און ווילסט מײַן ליבשאַפט נישט אין זיך פאַרשליסן.

איך ווייס נישט וואָס דו ווײנסט. און אפשר גאָר
איז שווער די ליבשאַפט דיר פון מײַן האַרץ;
ס׳איז שווער דיר פון אַ ייִדישן פּאָעט
צו הערן רייד, וואָס זענען רײַף מיט צער.

נישט איין מאָל, אַז איך גיי אַוועק פון דיר,
האַלט איך אין מײַנע הענט דײַן קאָפּ פאַרמאַכט —
די שטערן זענען נאָענט און הענגען איבער מיר,
ווי דײַנע אויגן שלאָפלאָזע אַ גאַנצע נאַכט.

1942

ה. יעדעס מאָל

יעדעס מאָל ווען כ׳גיי פון דיר אַוועק,
וואָלט איך זיך לעבן ברונעם אָפּגעשטעלט,
ווען נישט דאָס אַלץ, וואָס לויערט אויף מײַן קאָפּ,
ווען נישט די גרויסע, אײַנגעצוימטע וועלט.

נאָך ליגט אויף דײַן האַלדז מײַן טרער,
ווען כ׳זינק אַראָפּ צופוסנס פון דײַן שוועל.
דאָ וועל איך בלײַבן. זאָל קיינער מיך נישט זען,
און נישט דערמאָנען מײַן פאַרצוימטע זעל.

מײַן זעל איז טריב און טראָגט אין זיך די קללה
פון שוואַרצן וואָרעם אין טיפעניש פון ערד;
איך ווייס: דײַן האַנט איז קליין, בלויז דײַנע דינע פינגער
זיי ברִיען מײַנע אויגן פולע און פאַרטרערט.

1943

ו. אַ מענטש

אַ מענטש מיט צוויי עמערס נאָך וואַסער
ביַי נאַכט גייט צום ברונעם אַראָפּ.
הענגט אין לויטערן קילן כּישוף
לבנה־ווינט אויף זײַן קאָפּ.

דאָס וואַסער איז גרין אין די עמערס, —
דאָרט שווימען אַרום צוויי שטערן, —
צוויי שטערן פון הימל דערטרונקען,
זיי ווילן נישט פינקלען אויפהערן.

צוויי שטערן דערטרונקען אין עמער
לײַכטן פון וואַסער אַרויס,
נעמט ווינט דעם מענטש ביַי די אַקסלען
און פירט אים אין ליידיקן הויז.

דער עפּלבוים שטייט אינעם גאָרטן
און האַלט די לבנה געפאַנגען.
דער מענטש אינעם ליידיקן הויז
האָט די שטערן אויף ווענט אויפגעהאָנגען.

1943

ז. צו שפּעט

פֿאַרן פֿענצטער — אַ פּיצל הימל.
אַ פֿויגל — ער היפּעט אויף ברעט,
ער קלאַפּט מיטן שנאָבל אין שויב אָן:
— צו שפּעט... צו שפּעט... צו שפּעט...

אַ פּיצעלע וואָלקן פֿאַרבײַשווימט,
אַ פּיצעלע זון אויפֿן בעט.
נאָך היפּעט אין דרויסן דער פֿויגל:
צו שפּעט... צו שפּעט... צו שפּעט...

וואָס איז אַזוי שפּעט דיר, מײַן פֿויגל?
וואָס איז דיר אַזוי שוין צו שפּעט?
צי אפֿשר פֿאַרשטיי איך נישט טאַקע
דײַן לשון, דײַן פֿויגליש גערייד?

מײַן פּנים הענגט אונטערן הימל,
מײַן אויג זאַפּט וואָלקנדלער אײַן —
און איבערן פֿענצטער־ברעט היפּעט
דער גראָער פֿויגל אַליין.

מיט אויגן פֿאַרמאַכטע איך זע נאָך —
דער פֿויגל ער היפּעט אויף ברעט,
דערנאָך גיי איך אויס ווי דער וואָלקן
און פֿליסטער אַליין שוין: צו שפּעט...

1943

ח. צו דיר — אין אַ צעריסן קלייד

כ׳בין טרויעריק דערפֿאַר ווײַל כ׳האָב דיך ליב.
(די ליבשאַפֿט איז דער פֿריידיקסטער טרויער אויף דער ערד).
איך טרינק אין דעמערונג דאָס ליכט פֿון דיר,
(די ליבשאַפֿט איז דאָס טרויעריקסטע ליכט,
ווען די דעמערונג פֿאַלט אויף אונדזער פּנים
ווייך פֿאַרטרערט),
דו אין צעריסן קלייד.

דו פֿון וועגן אײַנגעזונקענע,
פֿון טאָפּאָליעס הויכע און ווינטן אויפֿגעגעסענע,
דורך פֿעלדער גייסטו צו מיר זינגענדיק:
פֿון שטילע וואַסערלעך, וואָס ריזלען סודותדיק,
פֿון בוים, וואָס האָט זײַן צווײַג צעבראָכן
אין הייסן בליץ פֿון שטורעם.
איך גיי נאָך דײַנע טריט
אין קילן מאָרגן־רויט,
ווי דער הירש, געטריבן פֿון דער ווילדעניש,
גייט זיך אָנטרינקען בײַם זונאויפֿגאַנג —
מיט ליבשאַפֿט וואָס איז שטאַרקער פֿונעם טויט.

1943

ט. צוויי מענטשן

אַ ליידיקער הויף און אַ ברונעם,
איבערן קאָפּ — די שטערן.
זוכן די ליפּן די אויגן,
געפינען זיי דאָרטן נאָר טרערן.

טויזנטער וועלטן צוקאַפּנס,
גלאַנץ פון פאַרלוירענע וועלטן.
ווען זון וועט מאָרגן אויפגיין,
וועט יעדער זייַן לעבן פאַרשעלטן.

ס'איז ליידיק די גאַס. נאָר ביימער
לייגן זיך ווייך אויף די שטיינער.
גייען צוויי שאָטנס צוזאַמען,
צוויי זעלן געקלאַמערט אין איינער.

בלייַבן זיי שטיין. און די הענט נאָר
זוכן דעם פלאַם פון די שטערן.
זוכן די ליפּן די אויגן —
געפינען זיי דאָרטן נאָר טרערן.

1941

עוואַלען — אַ ליכט

א. וואָר

איך האָב אַפילו נישט אַ בילד פון דיר,
נישט פון דײַנע אויגן, נישט פון דײַנע האָר.
בלויז אין טונקלעניש פון אַ וואָלקן־זוים
וו'עסט מיר ווידער אמתדיקע וואָר.

ס'איז גאָרנישט מיר געבליבן נאָר מײַן קינד,
אַפילו נישט די הוילע ראָם פון בילד.
אומגעריכט אַזוי איז אַלץ געקומען דאָ —
תּהומיק, אומגעריכט און ווילד.

ס'איז גאָרנישט מער געבליבן מיר אין לעבן —
(אַ מענטש דאַרף האָבן מיט וואָס די טרער אָפּצווישן) —
חוץ שפּילצײַג אינעם שופלאָד, חוץ אין דער שאַנק
נישט געטראָגענע, קינדערשע מלבושים.

ווען כ'וויל אַ מאָל דיך נעמען בײַ דײַן האַנט,
און מײַנע פינגער זאָלן וויקלען דײַנע האָר —
באַהאַלט איך ס'פּנים צווישן די מלבושים אין דער שאַנק —
ווערסט דעמאָלט ווידער מיר אמתדיקע וואָר.

1942

ב. ווי אַ גריל אין גאָטס הויז

אין איין האַנט אַ טאָרבע,
אין צווייטער — אַ הילצערנעם שטעקן.
כ׳וועל לאָזן אויף וועגן זיך גיין,
צו וועלטס אַלע פיר עקן.

כ׳וועל אויסמיַידן אָפענע שטעט,
דאָס פּנים מיט הענט זיך פאַרדעקן;
איך זאָל נישט די קינדער פון גאַס
מיט מיַין ייִדיש פּנים דערשרעקן.

כ׳וועל שלאָפן אין ליידיקע שיַיערס,
אין איינזאַמע ליידיקע מילן;
מיט שוואַלבן־געפּליסטער אין אָוונט
מיַין בענקעניש וועל איך פאַרשטילן.

דערנאָך וועל איך ווידער דיך זוכן,
דיַין שאָטן, וואָס איז מער נישטאָ;
אַ בלאָער וואַלד וועט מיר ענטפערן:
אָהאָ! אָ־האָ! אָ־האָ!

און שטאַרבן, — און שטאַרבן איך וועל שוין
ערגעץ ביַי נאַכט אין אַ קלויז
מיט הייליקע ספרים צוקאָפּנס,
ווי אַ גריל — אין גאָטס הויז.

1943

ג. דעם טאָג כ׳וועל נישט פאַרגעסן

דעם טאָג כ׳וועל נישט פאַרגעסן. דער יונג פון טויטן־וואָגן
אַרויפגעקומען איז דיך צונעמען פון אונדזער שטוב אויף אייביק.
אַז ער איז אַרײַן, האָב איך געוווּסט: ס׳איז סוף פון אונדזער לעבן,
ערד און הימל שטייען פאַר מיר ליידיק, ליידיק.

איך האָב געבעטן אים, ער זאָל מיט דיר זיך אומגיין איידל,
ס׳זאָל אויפן וועג דיר, חס ושלום, גאָרנישט נישט געשען...
ער האָט געלייגט דיך אין דער מיט, צווישן צווייען, אויפן וואָגן —
מײַן האַרץ איז דאָרט דאָס פערטע טויטן־האַרץ געווען.

ווי ווײַנען איצט אויף מיר די געטאָ־הימלען —
גאָט אַליין זיצט שיבעה אין פאַרדעקטן שפּיגל. —
ווען ס׳איז דער אָוונט־שטערן אויפגעגאַנגען,
בין איך געשאָכטן נאָך געלעגן אויף דײַן וויגל.

8 אויגוסט 1940

ד. אַ בריוול

כ׳שרײַב אַ בריוול צו מײַן קינד,
וואָס איז מער נישט הי.
קרייט דער האָן אויפן פּלויט:
— קי - קע - רי - קי!

ס׳קרייט דער האָן אויפן פּלויט
צום הימל גלײַך אַרויף.
צווישן גראָזן ליגט מײַן קינד,
צווישן גראָזן שלאָפט.

קומט ווען אָן אַ ווינטעלע,
אַ ווינטל ווייך צעפּלאָמט —
ברענגט עס פון פאַרדאַרטן גראָז
אַ גרוס פון שטיין און זאַמד.

ווער איך האָפּערדיק און מיין —
די וועלט האָט זיך צעבליט.
שרײַב איך אָן אַ בריוועלע
מיט שורות פון אַ ליד.

ערד און הימל, טויט און בלוט,
ווער קאָן דאָס פאַרשטיין?
די לבנה מיטן פויגל
אין די צווײַגן וויינט.

כ׳שרײַב אַ בריוול צו מײַן קינד,
וואָס איז מער נישט הי.
קרייט דער האָן אויפן פּלויט:
— קי - קע - רי - קי!..

1940

ה. שטערן און שפּילצייַג

אין שופלעדל דייַן שפּילצייַג
ליגט אַזוי פאַרשעמט.
מיט שטערן כ'לאָז זיך וואַנדערן
אָן מלבוש און אָן העמד.

וואָס דאַרף אַ מענטש אַ בגד?
וואָס דאַרף אַ מענטש אַ קלייד?
בלויז שטערן אין דער פינצטערניש,
בלויז שטילע, שטילע פרייד.

איך לאָז מיט אַלע ווינטעלער
אַוועק זיך אין דער פרעמד.
אָ, גאָט, אָ, גאָט, מייַן איינציקער,
וואָס האָסטו מיך פאַרשעמט?

1940

ו. אַלץ געדענקט

אַלץ געדענקט: ס׳געדענקט דער בוים, דאָס גראָז געדענקט,
דער פויגל אויפֿן בוים געדענקט דיך אויך.
דו האָסט די אייגעלעך פֿאַרזשמורעט דין —
און נאָכגעקוקט ווי ס׳קרײַזלט זיך דער רויך.

דער רויך איז דאָ. דער בוים איז דאָ. דער פויגל אויך.
אַ ווינטל לאַכט פֿון דער צווײַג אַראָפּ.
איך זיץ אין גאָרטן־ווינקל מיט דײַן שאָטן נאָך
און — רײַס די האָר מיר פֿון מײַן גראָען קאָפּ.

1940

ז. ליכט נאָך דײַן זעל

כ׳האָב אויסגעטאָן די שיך און אָנגעצונדן ליכט,
ליכט אָנגעצונדן און זיי ברענען העל;
די ליפּן מײַנע מורמלען פּסוקים תּהלים
נאָך דײַן פּלאַטערדיקער, ווײַסער, קלאָרער זעל.

איך וועל אַ גאַנצע נאַכט זיצן שוין מיט דיר,
נישט אויפהערן צו זאָגן פּסוקים תּהלים.
און בעטן כ׳וועל די נאַכט, זי זאָל שוין קיין מאָל מער
דײַן פּנים נישט פאַרדעקן, נישט פאַרהילן.

כ׳האָב אויסגעטאָן די שיך און אָנגעצונדן ליכט,
און וואָלט אַזוי אַ לעבן לאַנג מיט דיר געזעסן;
זאָג איך פּסוקים תּהלים און באַהאַלט ס׳געזיכט,
דער מאָרגן זאָל אין מײַן געבײין פאַרגעסן.

כ׳האָב אויסגעטאָן די שיך און אָנגעצונדן ליכט,
ליכט אָנגעצונדן און זיי ברענען העל;
קומט פון יעדן אות אַרויס, פון די פּסוקים תּהלים —
דײַן פּלאַטערדיקע, ווײַסע, קלאָרע זעל.

1941

ח. דער רעגן־בויגן שטאַרבט נישט

דער רעגן־בויגן
שטאַרבט קיין מאָל נישט אויף אונדזער הימל.
מײַן קינדס אָוונטיקע, שטילע אויגן
טרינקען־אויס דעם קילן טויט,
ווי אַ זילבער־פֿליגעלע פֿון אַ בלומען־בעכער,
אין שיינעם רעגנבויגנדיקן דרימל.

איך צייל אין פֿינצטערניש די טעג —
די ספֿירה פֿון מײַן יאָמער.
דײַן שפּילצײַג ליגט פֿאַרוואָרפֿן,
ווי טויטע שטערן אין דער קאַמער,
וואָס וואַרטן אויף זייער קבורה.

ס'איז נישט אמת, אַז ביסט טויט,
מײַן האַרץ — ליגט מיט דיר צוזאַמען אין דער וויג.
בײַ נאַכט —
איך פֿליסטער דיר מײַנע הייסע פֿאָטערלעכע רייד,
אַז דער רעגן־בויגן
שטאַרבט קיין מאָל נישט אויף אונדזער הימל.

1940

געטאָ־וויגלידער *

דוד בייגלמאַן ז״ל

א. מאַך צו די אייגעלער

מאַך צו די אייגעלעך,
אַט קומען פייגעלעך
און קרײַזן דאָ אַרום צוקאָפּנס פון דײַן וויג,
דאָס פּעקל אין דער האַנט,
דאָס הויז אין אַש און בראַנד
מיר לאָזן זיך, מײַן קינד, זוכן גליק.

די וועלט האָט גאָט פאַרמאַכט,
און אומעטום איז נאַכט —
זי וואַרט אויף אונדז מיט שוידער און מיט שרעק —
מיר שטייען ביידע דאָ,
אין שווערער, שווערער שעה,
און ווייסן נישט וווהין ס׳פירט דער וועג.

מען האָט אונדז נאַקעט, בלויז,
פאַריאָגט פון אונדזער הויז,
אין פינצטערניש געטריבן אונדז אין פעלד,
און האַגל, שניי און ווינט
האָט דיך באַגלייט, מײַן קינד,
באַגלייט דיך אין אַן אָפּגרונט פון אַ וועלט.

1940

* מוזיק: דוד בייגלמאַן. געזונגען אין לאָדזשער געטאָ.

ב. נישט קיין ראָזשינקעס און נישט קיין מאַנדלען

נישט קיין ראָזשינקעס און נישט קיין מאַנדלען,
דער טאַטע איז נישט געפאָרן האַנדלען,
לולינקע, מײַן זון,
לולינקע, מײַן זון.
ער האָט פאַרלאָזט אונדז און אַוועק,
ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק,
לולינקע, מײַן זון,
לולינקע, מײַן זון.

ס'שרײַען סאָוועס, ס'וואָיען וועלף,
גאָט, דערבאַרעם זיך און העלף,
לולינקע, מײַן זון,
לולינקע, מײַן זון.
ערגעץ שטייט ער און ער וואַכט —
מאַנדלען, ראָזשינקעס אַ סך,
לולינקע, מײַן זון,
לולינקע, מײַן זון.

קומען ר'וועט אויף זיכער שוין
דיך צו זען, מײַן אײנציק קרוין,
לולינקע, מײַן זון,
לולינקע, מײַן זון.

דער צאָרן אין מײַן אויג

זיי זענען אַראָפּגעפאַלן אויף אונדז:
די טעג,
פון הימל־תּהום
פון פינצטערניש,
און פון אַ בייזן גאָט.

מיר האָבן אונדזער תּפילה נישט דערזאָגט —
אויף יעדער שוועל,
אויף יעדן שטיין,
אין יעדער טרער.

ס׳ברענט דער צאָרן אין מײַן אויג
מיט פײַערן פון טויט:
יעדער שטראַל — אַ חלף:
ער וואַרט אויף אונדז,
אויף יעדער טרעפּ —
און מיר,
מיר וועלן שוין נישט עפענען דאָס מויל
מיט תּפילה צו דיר, —
די פאַרשעמטע תּפילה צו אַ בייזן גאָט.

1941

פון בוך

מיטן פנים צו דער זון

1930-1921

לזכרון פון ברוך - בענעדיקט פּאַבריקאַנט ז״ל,
וואָס האָט אַרויסגעגעבן מײַן ערשט לידער־בוך.

מײַנע הענט זוכן גאָט

פרייד צו די עלנטע

כ׳וועל זינגען צו דיר ס׳ליד פון מענטשנס נאַקעטער פּײַן,
פון אָרעמע מאַמעס פרייד, פון אָרעמע מאַמעס טריב;
פון אויפגייענדיקן טאָג אין ווינקלען פון מײַן שטוב,
פון ווײַסן סוד, וואָס גאָט שלעפּערט אין מיר אײַן.

כ׳בין איין מאָל דאָ געווען און וועל קיין מאָל מער נישט זײַן,
כ׳האָב מיטגעטראָגן אויף די הענט דײַן גליווערדיקע רו —
דו האָסט אין גילדענער, אין פלאַמענדיקער שעה
געזען אַוועקגיין מיך, ווי אַן עלנטער קאָן גיין.

נאָך מיר איז נאָכגעגאַנגען טריביקייט און לייד
פון מאַמעס, ווען זיי קושן זייערע קראַנקע זין;
פון אָדערן דין־בלאָע, וואָס ווייסן נישט דערפון,
אַז זיי טראָגן אין זיך ס׳ליד פון אויפגייענדיקער פרייד.

כ׳וועל זינגען צו דיר ס׳ליד פון דערלייזט געשריי,
פון אויפגעצוימטער פרייד, וואָס האָט מיך אָנגעגליט;
און זאָלן אַלע עלנטע נאָכגיין מײַנע טריט
און מיטזינגען דאָס ליד פון מענטשס דערלייזטן וויי.

אַ וואָרט

זענען אויפגעגאַנגען רינגעלעך פון פּישוף און פון זילבערדיקער שײַן,
און ווײַס האָט זיך געגייגט דער טאָג הײַנט צו מײַן מידער שלייף;
ווי ווײַס און וווּנדערלעך עס איז די שפּראָצנדיקע, מידע פּײַן,
וואָס ווערט ווי זוימען אין דער ערד אין ברוסט מיר שאַרף און רײַף.

עס ווערן רײַף אין מיר די טעג, ווי ברוינער ברויט אויפן פעלד,
מײַן קאָפּ — באַהאָנגען מיט דער גאָלד־לאַסט פון אַ באַרנעבוים
הענגט שווער איבער מיר און כ'זע ווי אונטערטעניק רוט פאַר מיר די וועלט
מײַן זעל — פינקלדיקע שײַן פון אַ גילדענער, פּישופדיקער קרוין.

הײַנט זענען אויפגעגאַנגען אין מײַן ברוסט רײַפע, ברוינע טעג
און רינגעלעך פון ווײַסן פּישוף און פון זילבערדיקער שײַן
צירן אָן מײַן שלייף און ווערן וווּנדערלעך געקרוינט
פון פרייד, וואָס איז נישט וואָרט, פון וואָרט וואָס איז נישט פּײַן.

בײַ אַ שוועל

כ'האָב אויסגעטאָן פֿון האַרץ דעם לבוש פֿון צאָרן און פֿון האַס
און כ'שטעל זיך מיט מײַן אויסגעשטרעקטער האַנט בײַ דײַן שוועל, ווי אַן אָרעמאַן;
דו זעסט אויף מײַן געזיכט די אויסגעברענטע ווונדן פֿון דער שטאָט און גאַס
און אויף מײַן האַנט זעסטו דאָס ווילדע גליק, וואָס איז ערגעץ ווו פֿאַראַן.

מיך טראָגט צו דיר דאָס פֿײַערדיק געבורט פֿון גליק און שאַנד,
וואָס כ'האָב נישט צוגעהערט זיך צום געבאָט פֿון אונדזער ערד,
וואָס כ'בין אַוועק און נאָכגעגאַנגען עמעצנס אַ כּישופֿדיקע האַנט,
און חלומען געלאָזט מײַן אויג פֿון אַלץ, וואָס איז מיר דאָ פֿאַרווערט.

פֿאַר וואָס האָב איך פֿון אַלץ, וואָס איז געווען אַרום מײַן הויז, מײַן שטאָט,
געקליבן נאָר די לייד, דאָס וווּנדערלעכע ליכט פֿון אונדזער טאָג?
איך בין ווי דער, וואָס לעכצט נאָך שויס פֿון זײַן פֿאַרלאָזטן גאָט,
ער זאָל אים רייניקן דאָס האַרץ פֿון אַלע ווייטיקן און קלאָג.

אַצינד בין איך ווי דו. מײַן האַרץ — אַ רויִק־שווימענדיקער וואַסער־פֿלאַר,
ווו זײַנע טיפֿן שפּילן מיט דער ווייכער שײַן פֿון אויבן;
ס'געשעט: אַ בלאַע, שרעקעוודיקע, בלינדע פֿרוי גייט פֿאַרבײַ — די נאַכט
און אירע אויגן פֿאַלן אויף מײַן האַרץ — פֿאַרווּנדעטע און מידע טויבן.

היילונג אין שניי

דער טאָג היילט מיר מיט ווייַסקייט פון זייַן שניי,
און די אויגן היילט ער מיר מיט מילדקייט פון זייַן ליכט.
ווען כ'וואָלט געקאָנט אַרויסנעמען דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג
וואָלט איך געזען: אַ וווּנדערלעכע היילונג ליגט אין שניי —
ווי אין גאָט.

אַ וווּנדערלעכע היילונג שפּרייט זיך אויס אין ווייַסן לאַנד,
די הענט, מייַן לייַב, זיי גאַרן אויסצובאָדן זיך אין אים;
ווי גאַרט אונדזער האַרץ נאָך גרויסן, רויטן בראַנד
אויסצוגייען אין זיסער מילדקייט פונעם ים און זון —
ווי אין האַרץ פון גאָט.

ווי אָרעמע, וואָס זענען נאַקעט־הויל און פרייען זיך מיט גאָט,
פרייט זיך מייַן אָרעם האַרץ, וואָס ציטערט, וויינט אין שרעק;
אויף ערד איז תּמיד אַלץ געווען מיר אַ פאַרבאָט,
כ'האָב גאָרנישט נישט געהאַט, נאָר מייַנע נאַקעטע און הוילע טעג —
טעג פון צער און שפּאָט.

ס'גייט צו מיר די היילונג פון שניי, דער רייץ פון מייַן חלום,
וואָס לאַכט אויף מייַן שטערן ווי אַ פרידלעכע און שטילע זון;
קום, פיר מיך צו דער פּראָסטער גליקזעליקייט און שלום
און הייל מייַן האַרץ מיט ליכטיקן און גילדענעם געשפּין —
פון זון, שניי און גאָט.

דו קיניגסט איבער מייַן פֿראָסטן טיש

פֿון אַלע ווייטיקן האָב איך דיך אויסגעקליבן
און דיך געזאַלבט צום האַר פֿון מײַנע טעג ;
נאָר ברויט און מעסטל זאַלץ איז מיר פֿאַרבליבן
פֿון רײַכן מײַנעם קיניגרײַכס פֿאַרמעג.

און אַלע די, וואָס האָבן אויפֿגעשטעלט דיר טורעמס,
פֿון וואָרצלען ערדס, מיט שפּיצן, אָנגעגליט ביז גלוט,
האָסטו זייער פּלאָם פֿאַרצערט מיט דײַנע אָרעמס
און אויסגעשפּעט די בענקשאַפֿט פֿון זייער בלוט.

נאָר פֿון מיר, דעם איינציקן,
האָסטו דײַן אויג נישט אָפּגעווענדט,
אַז כ׳האָב געהויבן צו דיר מײַנע הענט,
ווען ביסט געקומען קיניגן איבער מיר.

דו האָסט געזאָגט :
אַזוי האָב איך באַוויליקט פֿונעם ערשטן טאָג
צו קיניגן איבער דיר און איבער דײַן פֿראָסטן טיש,
און איבער דײַן אָרעם ברויט מיט מעסטל קאַרגן זאַלץ.

און ס׳קאָן דאָך זײַן אַזוי

און ס׳קאָן דאָך זײַן אַזוי: די אַלע שטילע, מילדע רייד,
וואָס כ׳רייד אַרויס צו דיר אין אומבאַגרײַפלעכן, אין ווײַסן טרויער
זענען גאָר ווי שאַרפן פון דער שווערד אין שייד,
וואָס קרישלען זיך אַראָפּ ווי שטויב פון דײַן מויער.

מיט צענדליק אָרעמס האָסט אײַנגעהילט דײַן ברוסט;
מיט צענדליק פּאָר הענט — פאַרשטעלט דײַן אויער;
און ס׳קאָן דאָך זײַן: פון וואָרט דער הימל ווערט צעפלאַמט און וויסט
און ווילסט נישט הערן מיך אין מײַן יאָמערלעכן טרויער.

און ס׳קאָן דאָך זײַן: אַז דער, וואָס הייבט זיך אויף אַ בלאָער
און קרײַזט אַרום אין וועלטס טיף־תּהומיקן אומענד —
קאָן זײַן ער זעט, אַז אויבעט דו פאַרברעכסט די הענט, —
די הענט, וואָס ווײנען אויף דײַן אייביקלעכן דויער.

פאַרהווילענע

מיר וואַרטן אין די שטובן אויף דיר פאַרהווילענע,
פאַרהווילענע זענען אונדזערע רייד צו דיר;
ביי טישן ווייַס און קלאָר־געגרייטע
וואַרטן מיר זאָלסט עפענען די טיר.

און אַז דו עפנסט — ליגן מיר פאַרהווילענע,
און ווייסן: ביסט אין שטוב מיט אונדז פאַראַן;
דערזעען מיר נאָר בלויז אַ האַנט, ׳אַ בלענדיקע, —
אַ האַנט אַ ווייַסע פון אַן אָרעמאַן.

ווענד אָפּ פון אונדז די לייד

ווענד אָפּ פון אונדז די לייד
און קער צו אונדז די פרייד,
די פרייד פון אונדזער טאָג.

זאָג אָן: איינציק איז די לייד,
וואָס גיסט אונדז נאָך דער פרייד
צו גיין אין פּיַין און קלאָג.

פאַר יעדן זינלאָזן שטרייַט
שלאָג אונדז מיט זיג פון פרייד,
ווי שלאָגסט שווער אונדזער טאָג.

זאָג אָן: פאַר אַלע לייד
איז אָנגעגרייט די פרייד
פון איינציקדיקן טאָג.

נעכט פון אונדזער שרעק

זענען אָפּגעגאַנגען בלאָע שיפן צו אַ ווײַטן ברעג,
ווײַסע זעגלען וויגן תּפילות געפּליסטערטע אין נעכט פון שרעק,
בלאָע שיפן שווימען צו אַ ווײַסן, זילבער־שוימענדיקן ברעג —
ווער וועט פעלדזן מײַדן, אויסמײַדן זייער וועג?

הימלען אָוונטיקע — פעלדער גאָלדיק־בלאָע איבער מאַסט,
פון שוואַרצע נעכט ציִען שיפן צו אַ ווײַסן ברעג;
— גאָט, דערבאַרעם זיך, נעם פון אונדז אַראָפּ די לאַסט,
גיס פון אונדזער בלוט אַרויס די שטומע שרעק.

זענען אָפּגעגאַנגען בלאָע שיפן צו אַ ווײַסן ברעג,
זילבערשפּיצן שאַרפן ס׳ליכט פון ווײַסן, פרעמדן שטראַנד.
ווען וועלן אונדזערע שיפן אָנקומען צום לאַנד
און אויפבינדן די זעגלען אָנגעזאַפּט מיט אונדזער שרעק?

מײַנע הענט זוכן גאָט

פֿאַרפּײַניקט ליג איך איבער אייגן בלוט פֿון ברוסט
און זוך די שטילקייט פֿון אַ חלומדיקער שיף אויף ים.
פֿאַר װעמען זאָל איך בויען דאָ אַ היים אויף דײַן ערד,
אַז אַלץ װערט פֿון מײַן אומרו פֿאַרברענט אַזוי און פֿאַרפּלאָמט.

די גאַס הענגט אויף מײַן פּנים — אַ צעפּלאָמטע זון
און װאַרעמט מײַנע שלייפֿן מיט דער פֿרייד פֿון קינד.
פֿאַר װעמען זאָל איך זאָגן, אַז גאָט אַליין רוט אין מײַן ברוסט,
אַז נאָר ע ר קושט בײַ נאַכט מײַן יעדן װיי און יעדע װוּנד.

מײַנע הענט זוכן גאָט אין װאָרט פֿון מענטש אויף דער גאַס,
מײַן האַרץ איז אַ שיף, װאָס קרײַזט אין דעמערונג אויף ים;
פֿאַר װעמען זאָל איך בויען דאָ אַ היים אויף דײַן ערד,
אַז אַלץ װערט פֿון מײַן אומרו פֿאַרברענט אַזוי און פֿאַרפּלאָמט.

אַ פענצטער אין דער שטאָט

אַ מענטש הינטערן פענצטער

אַ מענטש שטייט ביַי נאַכט הינטערן פענצטער און קלאָגט אויף זיַין טאָג,
זיַינע הענט פאַרהאַלטן דעם גאַנג פון די שטערן אין בוזעם פון גאָט;
אַ מענטש האָט גענומען אַ חלף, געשניטן זיַין שלייף און זיַין קאָפּ
געלאָפן צו זען ווי אַ פענצטער פלאַמט רויט ביַי נאַכט אין דער שטאָט.

וואָס קאָן מען דערזען ביַי אַ פענצטער, באַלויכטן מיט ראָזן ראַלעט,
אויב נישט בלויז אַ קאָפּ ווי אַ זון אין אַ כמאַריקן טאָג?
דער מענטש הייבט אויף זיַינע הענט מיט געבעט,
ביז ער פאַרגראָבט זיַין קאָפּ אין ווילדן געיאָמער און קלאָג.

וואָס שטייט אַ מענטש ביַי נאַכט הינטערן פענצטער אין קעלט?
וואָס זוכט ער אין גאַנג פון די שטערן? וואָס מאָנט דאָס געוואַלד פון דער שטאָט.
אים וועט דאָך קיינער נישט פירן, קיינער נישט וויַיזן זיַין וועלט
און אויך נישט די טרייסט וואָס זוכט אים ווי ער זוכט דעם בוזעם פון גאָט.

אַמאָל איז אַן אָוונט

כ׳האָב געהערט די בלאָע לײדיקײט פון שטוב פאַרגײן אין גרױליקע געװאַלדן,
אין דרױסן האָבן פינצטערע טראַמװײַען די נאַכט איר קאָפּ געשניטן;
מיך האָבן דעמאָלט שװערע הענט דעם האַלדז געװאָרגן און געריסן
כ׳האָב נישט געװוּסט, װער קאָן פון קינדער־שרעק מיך שיצן און פאַרהיטן.

די מאַמע האָט אַרײַנגעקלאָגט אין הענט, אין אײדעלע, פאַרהאָרעװעטע הענט
און נאָר איר קאָפּ האָט זיך געװאָרפן אױף דער װאַנט אין שאָטנדיקע קנױלן;
אין שטוב אַרומגעגאַנגען איז אַ פײַנלעבער, און אַ װיסטער אָנזאָג פון אַ גורל,
װאָס טראָגט אין שטוב אַרײַן די אָרעמקײט אין בוזעמס פול מיט שרעק און גרױלן.

ס׳האָט קײנער נישט געװוּסט פאַר װאָס עס איז אַזױ אין שטוב געװאָרן,
איך בין געלעגן אין אַ װינקל, געהערט די לײדיקײט שװער אָטעמען און כליפּען;
און אַז ס׳איז שטיל געװאָרן האָב איך פון שאָטנדיקן קאָפּ אױף װאַנט
געזען װי ס׳ציטערן דער מאַמעס דינע פאַרביסן־װײַסע ליפּן.

כ׳בין נאָכגעלאָפן גאַנצע טעג...

כ׳בין נאָכגעלאָפן גאַנצע טעג קונצן־מאַכערס און וואָגלענדיקע הויפזינגער,
גראָשנס קופערנע האָבן מײַנע הענט געזוכט אין פינצטערע רינשטאָקן;
אין די אָוונטן — נאָכגעלאָפן לײדיקע וואַגאָנען פון טראַמווײַען,
ביז כ׳בין געבליבן ליגן ערגעץ אויף אַ גאַס — אַ הונט אין פראָסטיקע פאַרטאָגן.

אין פאַפירן־בײַטעלער איך האָב געזוכט העלפן־בײנערדיקע טורעמס
און לבָנות ראָזעווע, צעבראָכענע געזען שווימען איבער שוואַרצע דעכער;
נאָר טײל מאָל האָט אַ פאָטערלעכע האַנט געשלעפּט מיך אין די אָרעמס,
געוואָרפן מיך אין שויס ווי מיט אַ שוואַרצן, ברויזנדיקן ווײַבער.

אַזוי בין איך נאָכגעלאָפן גאַנצע טעג קונצן־מאַכערס און וואָגלענדיקע הויף־זינגער,
גראָשנס קופערנע געזוכט אין שוואַרצע פינצטערע רינשטאָקן;
אין יענע נעכט, אַ, גאָט, ווי האָסטו שוין געוואָרפן אויף מײַן פּנים
דײַן וועלט, וואָס האָט מיט שוואַרצע גרוילן מיך געפּײַניקט און געשראָקן!

ווינקלען

כ׳האָב ליב געהאַט קילע ווינקלען פון הייף און קאַמערן,
דאָ בין איך פאַרשפּעט געלעגן פון מײַן שטוב, פון דער גאַס;
איך האָב געזען ווי ס׳האָט געריסן זיך אַ שטום פאַרייִאושט יאָמערן
פון מײַן טאַטן, וואָס האָט געוואָלט זיך אומברענגען פון כּעס.

כ׳האָב ליב געהאַט צו ליגן ווייִנענדיק אין ווינקלען פון אַ טרעפּ,
באַהאַלטן זיך פאַר לײַט, פאַר יעדן וואָרט און זייער גרימאַס;
דאָ האָבן מיך געקלעמט שאָטנדיקע, שוואַרצע קעפּ,
געיאָמערט אומרו אין מײַן בלוט האָבן גראָע, סאַמעטענע מײַז.

כ׳האָב ליב געהאַט דאָס ווילד געוויין אין מײַן קינדערישן שלאָף,
ווען מײַנע הענט געקלאַמערט האָבן פלאַכע בריסטן פון די ווענט;
איך האָב געזען דעמאָלט שוין דעם סוד פון אַ טאָג, אַ נאַכט,
ווען כ׳וועל די פינגער מיר צעבײַסן און טרינקען ס׳בלוט פון מײַנע הענט.

אַ שמייכל

דער שמייכל פון אַ פרויען־ליפּ האָט מיך געפּײַניקט גאַנצע טעג,
ווי ס׳פּײַניקט אונדז אַ שיינער חלום, וואָס מען קאָן זיך נישט דערמאָנען;
וואָס קומט שוין אים אַרויס, דעם מענטש, וואָס שרײַט אין מיר פון שרעק,
כ׳זאָל לויפן אין די שטעט, עמעצן זוכן אויף באַלקאָנען?

וואָס שרײַט ער אין די נעכט צו מיר מיט זײַן אומפאַרשטענדלעך לשון,
אַז וויסטע, הונגעריקע הינט יאָמערן בײַ היימען און בײַ טירן?
צי האָט שוין ווען אַ מאָל דאָס וואָרט דעם מענטשנס פּײַן געלאָשן,
צי האָט שוין עמעצער געלאָזט פון הענט אומגעזעענע זיך פירן?

וואָס פּײַניקט מיך אַזוי דער פאָרהאַנג הינטער אָפענע באַלקאָנען,
וואָס וויל דאָס אומפאַרשטענדלעכע געוויין פון ווערטער און פון טעג? —
צי וועט דער מענטש רופן גאָט, און זיך עמעצן דערמאָנען,
צי וועט ער נישט אויף ס׳נײַ אַרומגיין ווידער מיט זײַן שרעק?

פאַר אַ הויז

נישט איין מאָל כ׳בלײַב שטיין פאַרן הויז, ווו גייסט אַרײַן און פאַרשווינדסט,
איך הער: אַ טיר האָסט געעפנט, דערנאָך פּאַמעלעך פאַרמאַכט.
פאַר וואָס בין איך די טרער, וואָס ציטערט אויף דער ברעם פון קינד,
פאַר וואָס בין איך דײַן טראָט און ס׳שוואַרצע פליסטערן פון נאַכט?

כ׳וועל עפענען דײַן שטוב אַ מאָל און זען: געגרייט
שטייען טישן ווי הימלען מיט וויגנדיקן ליכט אין שויס.
וועסט לויפן זוכן מיך אין שטעט, אַ מענטשן זוכן מיט זײַן פרייד
נאָר מיך וועט דײַן אויג נישט זען אין שאָטן פון דײַן הויז.

כ׳וועל הערן: אַ ווייך געפליסטער יאָגט איבער דײַן קאָפּ
און ס׳קושט די אויגן דיר אַ ליפּ ווען טראָגסט אויף הענט דײַן קינד.
כ׳וועל לויפן מיט געשריי אין שטעט, נישט וויסן ווו צו זוכן רו
און יאָמערן אין אַ ליק מיט אַן עלנט-וויינענדיקן ווינט.

אַ טאָג

פאַר וואָס בין איך היינט אויפגעשטאַנען מיט אַ ווייטיק שווער און הייס,
אַרומגעלאָפן אין דער שטאָט, דערנאָך אויף איטלעכן וואָקזאַל?
און יעדערן, וואָס האָט באַגעגענט מיך, האָב איך אַרײַנגעשמייכלט ביטערלעך מיט גאַל
— היינט פאָר איך אָפּ קיין נעאַפּאָל דעם זוניקן, איר ווייסט?

פאַר וואָס האָט היינט אין מיר ווילד און אומבאַגרײַפלעך עפּעס שווער געדראָט,
אַז ס׳וועט מיט מיר ערגעץ אויף אַ גאַס וווּנדערלעכס געשען;
איצט ווייס איך שוין:
גאָרנישט איז געשען, כ׳בין נאָר ווילד־שווײַגנדיק אַ גאַנצן טאָג געווען,
געטרויערט נאָר, פאַר וואָס לעשן זיך די זון־אונטערגענג, וואָס ברענען אַזוי רויט.

אַ הויף אין באַלוט

ראַכיטיש־קראַנקע קינדער לאָזן דראַכן פון קאָלירט פּאַפּיר,
גאָלדענע זומער־פייגעלער שפּינען פּאַסן הימל אויפן דאַך;
מיט אויסגעדריוולטן און פײַכטן באַוול פּאַלט אַראָפּ דאָ דער פאַרנאַכט
און בלײַבט ליגן ווי אַ הונט, וואָס וואָיעט מיר אַרײַן אין טיר.

אין שטובן־ווינקלען ליגן טראָן־פּלעשעלער פון אַלערליי קאָליר
און דורך זייער גלאָז זוכן קינדער שטערן אויפן הימל מיטנטאָג — —
אויף בעטן־ראַנד ליגט דעם מענטשנס נאַקעטע און הוילע קלאָג,
די פּײַן פון פויסט און ס'כאָרכלען פון אַ ברוסט, וואָס גיט זיך נישט קיין ריר.

בײַ נאַכט פּלאַצט דאָ די רויִקייט ווי אַן אויפגעגאַנגען געשוויר,
ראַכיטיש־קראַנקע קינדער חלומען פון הימלען און זומער־פייגעלער אויף דאַך.
ס'געשעט: מענטשן שנײַדן מיט די פּיס דעם שוואַרצן גליווער פון דער נאַכט
און רײַסן זיך צום טויט, וואָס קושט זיי הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר.

פאַראַן אַזעלכע טעג

פאַראַן אַזעלכע טעג: ווילסט זיצן בײַ דער שויב
און קוקן אויף דער גאַס אַראָפּ מיט מאַטן אויג,
נאָכקוקן אַ פור, אַ טויב און נאָך אַ טויב,
אַ הונט, וואָס לויפט אין גאַס און יאָגט זיך נאָך אַ צוויג.

פאַראַן אַזעלכע טעג: בײַם פענצטער שעהען שטייסט,
דעם קאָפּ אין עלנבויגן און גיסט זיך נישט קיין ריר;
עס וויינט אין האַרץ דײַן פרייד, עס גלעט אַזוי די טרייסט,
הערסט בײַ דעם שכן שלאָגן: דרײַ־פירטל־פיר...

פאַראַן אַזעלכע טעג: אויף שויבן רעגן רינט,
בײַם פענצטער שטייסט, דײַן קאָפּ געשטרעקט אין ווײַט;
און וויינען ווייניסטו נישט, נאָר דײַן געזיכט אַצינד
פאַרנעמט פון הויף ווי ס'שפּילט ווער דאָרטן אויף אַ פּלייט — —

פאַראַן אַזעלכע טעג: דו רעדסט מיט גאָט אַליין,
דו ברענסט דײַן גוף אין שטוב אויף רויטלעכן אַלטאַר;
דו ביסט ווי ע ר פאַרשטומט און אייביק מיט געוויין
און אייביק אויף דײַן ברוסט רוט ליכטיקייט פון צער.

גין שלאָף

'האָב אָנגעטאָן אין שלאָף אַ העמד פון ווײַסן, שוואַכן לײַנען,
ון ווי אַ נאַכטוואַנדלער אַרומגעגאַנגען אין מײַן שלאָפנדיקער שטוב;
אָט אײַנגערוימט מיר ווער: ווי גוט איז דיר, שלאָפנדיקער, איצט צו וויינען
ון טרינקען רו פון ליפּן, וואָס האָבן קיין מאָל דיך נישט ליב.

ון כ'האָב געגאַרט אַרומצוגיין אין שוואַכן, ווײַסן לײַנען,
יז וונדער וועלן אויפבינדן פון שטוב די שלאָפנדיקע ווענט;
און כ'האָב געהערט ווי ס'האָט מיר ווער געזאָגט: דו טאָרסט אַצינד נישט וויינען,
יז וואַנען כ'וועל נישט האָבן ביידע דײַנע אָפּגעהאַקטע הענט.

ון ס'האָבן מײַנע הענט אַליין זיך אויסגעשטרעקט צום טויט,
ו ווײַסער שאַרף פון האַנט, וואָס האָט זיך איבער מיר דערהויבן;
יך האָב אין רו באַוויגן מיט די ליפּן און צו זיך געזאָגט: כ'בין גרייט,
'בין גרייט צו זען אויפן דיל מײַנע בלוטנדיקע טויבן — —

ון ס'האָט אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני מײַן לײַב אין פּחדימדיקן שווײַגן,
זוי געלעגן אויפן דיל, אַן אויסגעהאַקטער, קאַלטער שטיין פון מירמל;
ערנאָך — אַ ווײַסע שײַן האָט אויפגעבונדן דאָס געוויין אין שלאָף פון מײַנע אויגן,
און כ'האָב געזען: צוויי ווײַסע הענט צאַפּלען פריש און אָפּגעהאַקטע ערמל.

די אויגן פון מײַן שוועסטער

די אויגן פון מײַן שוועסטער זענען הײַנט געשוואָלן מיט טרויער,
ווען כ'האָב געקוקט אין זיי, געזען דעם אײביקדיקן ווײ פון אונדזער טאָג.
אין שטוב האָט איטלעכער געטראָגן אין זײַן ברוסט ווײמוטפולן קלאָג,
ווען אויגן פון מײַן שוועסטער זענען הײַנט געשוואָלן געווען מיט טרויער.

אין דרויסן האָט אַ הונט די שרעק געריסן בײַ אַ מויער,
און נאָר די זון האָט אים געוואַרעמט מיט איר שטיפמוטערישן פײַער;
און קײנער האָט זיי נישט געזען, די אויגן פון מײַן שוועסטער,
ווי זיי הענגען נאָך געשוואָלענע מיט שווערן, מעוברתדיקן טרויער.

שניי אין אָוונט

א

ווי דינע אָנגעשאַרפטע שפּיזן רוען אויף מײַן מויל דײַנע ברעמען,
וועסט קיין מאָל שוין נישט אָפּטאָן מיר קיין ווייטיק און קיין לייד;
איך וואַרט ס׳זאָל קומען ווער און זאָגן זאָל איך וועמען:
פאַר וואָס ווי יונגן שניי קוש איך איצט דײַן קלייד?

קיינער וועט מײַן שטוב הײַנט נישט איבערטרעטן,
די אָנגעשפּאַרטע שפּיזן וועלן גליִען אין זייער בלאָער שײַן;
קיינער וועט נישט זען, ווי כ׳וועל צו דיר שטרעקן מײַנע הענט און בעטן
און פון די אויגן וועט ווי שניי טריפן מײַן אײַנגעהאַלטן שטיל געוויין.

ב

בלאָ אינעם אָוונט הענגט שניי,
ווי בלאָע זײַדנס און פרענדז;
ווי בלאָע גאַרטלען די שײַן,
וואָס פאַלט איבער אונדזערע הענט.

מיר זיצן אין צימער, ווו בלאָ
פאַרבט אָוונט דעם דיל און די ווענט;
ווי בלאָע פרענדז איז די שײַן,
וואָס פאַלט איבער אונדזערע הענט.

הײַנט איז די וועלט אַזוי בלאָ,
ווי אָדערלעך דינע אויף הענט —
בלאָ אינעם אָוונט הענגט שניי,
ווי בלאָע זײַדנס און פרענדז.

אָוונט אויפֿן דאָרף

פֿאַרנעפּלט ליגט נאָך ס׳פֿעלד אַרומגעהילט מיט זונס לעצטע קושן.
נאָך פֿײַערדיק, נאָך רויטלעך שפּראָצט דאָס גראָז אויף פֿעלדס געזיכט;
דערנעבן שטייט אַ גאָרטן און ער פֿלאַמט. פּולע קעפּלעך מאָן אויף פּיסלעך דינ׳
וויגן זיך אַהין און צוריק, ווי קינדער מיט די אויגן צוגעמאַכט פֿון צו פֿיל ליכט

פֿון אָוונטרויט ביז מאָרגנרויט גייט קיינער נישט אַרויס אין דרויסן.
איך ליג נאָך הייסן טאָג, נאָך מידן וועג אויף אָפּגעשניטן בינטל היי;
און שלאָפֿנדיקערהייט איך זע: אין ווינקל שטאַל האָבן פֿערד געקושט זיך שטילערהייט
פֿון אַן אָפֿן פֿענצטער הערסט אַ לאַך, שפּעטער — שטילער, אײַנגעהאַלטענער געשרי

דער באַגינען פֿאַלט דורך שפּאַרן, ווי אַ ווײַסער, פֿאַלנדיקער, פֿרישער שניי.
זי גלעט דיך איבער ברעם, אויף אַקסל רוט איר ווײַסע מיידל־האַנט;
ביסט לאַנג געשטאַנען נאָך — אַ קינד האָט דיר דערלאַנגט אַ בלום פֿײַכט פֿון טוי
און ביסט אַוועקגעגאַנגען שטומערהייט, אײַלנדיק צו שטאָט און צו איר שאַנד.

מיטן פנים צו דער זון

צו משה לייב האַלפּערן, דעם קיניגלעכן פּאָעט

משה לייב, משה לייב, קיניגלעכער פּאָעט,
מיר איז אַזוי אומעטיק ווי דיר!

און כאָטש כ'האָב נישט קיין פרוי זיצן אין שטוב,
ס'זאָלן בינעזערלער שפּאַצירן גיין אויף איר שטערן־באַנד,
פון דעסטוועגן —
האָב איך ערגעץ ווו אַ פרוי הינטער אַ רויט־אָנגעצונדן פענצטער,
פאַרהאָנגען ווי אַ רויטע בעלמע איבער אַן אויסגערונען אויג
און שטייענדיק אונטן, אויף דער גאַס,
ווי דו ביַים ים משה לייב,
אַרומגעהילט מיט וווּנדער פון אַ וועלט,
קוש איך די ראָזע נעגעלעך פון איר האַנט,
ווי ס'קושט דער לונאַטיקער דעם זוים פון דער לבנה
יעדע נאַכט,
ווען זי הענגט פון שפּיצן דאַך אַראָפּ.

משה לייב, משה לייב, קיניגלעכער פּאָעט,
מיר איז אַזוי אומעטיק ווי דיר!

איך האָב דיר באַלד געגלייבט, אַז דו האָסט געזען דעם טויט אין שפּיגל,
וואָרעם,
ווי אַזוי האָב איך נישט געקאָנט גלייבן דיר, משה לייבן?
און נישט ווי זיי בין איך געווען,
וואָס האָבן דיר געזאָגט: גראַנד־פּאָעט —
איך בין דעמאָלט געלאָפן אין דער שטאָט מיט געוואַלד:

משה לייב, משה לייב, ראַטעווע מיך!
כ'האָב מורא אַזוי פֿאַרן טויט!

דו מיינסט, משה לייב, אויב כ'בין נישט אַזאַ קיניגלעכער פּאָעט ווי דו,
קאָן איך נישט אַרומנעמען די וועלט, ווי מען נעמט אַרום אַ בלומען־טאָפּ?
אָדער גאָר אַ פּרויען־קאָפּ, וואָס שטייט ערגעץ ווו אויף אַ באַלקאָן
און דערנאָך — אַרומגיין ווי אַ שטאָט־נאַר, אָדער גאָר אַ לץ,
יאָמערן צום הימל, ווען אַלע שכנים שלאָפֿן,
הענגען אויפֿן פֿענצטער, ווי אַ צלם,
ווען כ'אַנטלויף פֿון טויט, וואָס האָט זיך דווקא איינגעשפּאַרט,
און וויל שלאָפֿן מיט מיר אין איין בעט?

אַ, משה לייב, משה לייב,
ווייַז מיר די חכמה, ווי אַזוי דו ביסט אַנטרונען פֿונעם טויט
און האָסט געזען אַ וועלט אַרויסגיין אַן אויסגעבאָדענע פֿון ים,
ווי די פֿרייד גייט אַרויס אַן אויסגעטובלטע פֿון דער מענטשלעכער טרער,
אָדער גאָר —
ווי ס'גייען פֿון מייַן חלום אַרויס
נאַקעטע מיידלעך שפּאַצירן בייַ נאַכט אויף מייַן ברוסט
און געבן מיר צו קושן זייערע שלאַנקע פֿיס,
וואָס שמעקן ווי גרינע וואַסער־שטיינדעלעך אין זאַמד
און ווי אַלטער, וואַרעמער מאַך אין אַ פֿינצטערלעכן וואַלד,
ווו כ'בין קיין מאָל נישט געווען,
ווייַל, —
כ'האָב מורא צו גיין אַליין.

און אפֿשר, משה לייב, זאָל איך זיך אַרייַנזעצן
אין אַ זילבערנער גאָנדאָל פֿון אַ פּרויען־ברעם,
אָדער אין אַ פֿינגערהוט פֿון אַ רויטער ליפּן־זוים
און לאָזן פֿירן זיך אין קיניגרייַך, ווי דו גייסט אַרום,
העקלסט שטערן אויפֿן האַלדז פֿון דייַן שמייכלענדיקן גאָט

און צופוסנס דיר —
ליגן ווײַבער נאַקעטע, וואָס וויינען צו דיר:
משה לייב, משה לייב, נעם אונדז מיט!
וואַרף אונדז נישט אין ים אַרײַן!

אָ, משה לייב, ווען דו וואָלסט געוווּסט,
ווי מײַן פעטער, אָט אָ דער, וואָס האַנדלט מיט ציצן־קליידלעך,
האָט געוויינט, לייענענדיק דײַן זרחי,
וואָלסטו געשיקט אַ בריוו צו אים מיט טרייסט־רייד,
מיטן אָפּדרוק פון דײַן איידעלן פינגער,
אײַנגעוויקלט אין סאַמעטענעם שטערן־באַנד פון דײַן ווײַב.

נאָר איך ווייס דאָך, אַז דו וועסט עס נישט טאָן
און אַפילו נישט זאָגן אים: פעטער,
איר— זענט— אַ— פאַר—לוי—רע—נער!

אָט אַזוי, משה לייב,
ווייס איך נישט וואָס צו טאָן מיט זיך — —
און ווי איינער, וואָס אים חלומט זיך בײַ נאַכט,
אַז ער גייט אַרום אַ נאַקעטער, אָן אונטערוועש
צווישן זײַנע נאָענטע —
אַזוי לויף איך מיט שרעק אַרום
און ווייס נישט, וואָס כ׳זאָל טאָן מיט מײַן לעבן.
אָ, משה לייב, משה לייב, קיניגלעכער פּאָעט,
ראַטעווע מיך,
מיר
איז
אַזוי
אומעטיק
ווי דיר!

באָדלער אין דער שטאָט

א

ווי שטאָלענע הענגל־בריקן הענגען איבער מיר די טעג.
איך בין אין שטאָט, וואָס איז צו מיר אַ פרעמדער, ווײַטער האָפן;
עס גייען שיפן אָפּ מיט פלאַטערנדיקע, ווײַסע מאַסטן — שרעק,
אויף הייף יאָמערן די קונצן־מאַכערס מיט זייערע הונגעריקע אָפן.

אַן אַלטע שענק אין אָרעמסטן קוואַרטאַל — אַ ביר־האַלע פאַר מאַטראָסן
און זיסער טיי מיר ווערט ווייך־גלעטנדיקער, פעטער אייל;
ס׳שווימען פאַר די אויגן אויסגעקריצט אויף מאַרמאָרדיקער זײַל
די פײַערדיקע רייד פון באָדלער — ס׳ליד פון די געפאַנגענע אַלבאַטראָסן.

ס׳ווערט אָוונט. און וווּנדערלעך עס איז די איינזאַמקייט אַרום,
איך זע דאָס ליכט, וואָס ווערט אין לייד געשאַפן;
מיך טראָגן ווײַסע מאַסטן שרעק צו אַ וווּנדערלעכן טורעם,
און זע: ס׳רוט די שטאָט — אַ פרעמדער, שלאָפנדיקער האָפן.

ב

ווי קאַלט איז ס׳ליכט פון שטערן, וואָס רינט בײַ נאַכט אויף מײַן קאָפּ,
די נעגל רײַסן ס׳פּנים פון הימל אין ווילדקייט פון וווּט.
פאַר וואָס זאָל איך דאַרפן נאָר טראָגן די לאַסט פון מענטש און זײַן קלאָג?
פאַר וואָס זאָל איך דאַרפן פון אַנדערן טרינקען דאָס וואַרעמע בלוט?

ווי אימהדיק וואַרפסט מיך אין שויס פון מײַן זינד,
ווי וואַרפסטו מײַן האַרץ אויף שפּיציקן פעלדז און געשטיין;
פאַר וואָס זאָל איך וואַרפן שפּאָט אין אייביקן גאַנג פון דער זון,
פאַר וואָס זאָל איך אונטער די שטערן הערן זייער אייביק געוויין?

דאָס טעגלעך ברויט

פון פאַרוואונדעטע הענט טריפט אין אונדזער טאָג אַריַין דאָס ווייַסע ליכט,
פון פאַרוואונדעטע פיס הייבט־זיך־אויף אַ וואָלקנדיקער שטויב;
דו לענסט אונדז די אויגן צו אין די נעכט — מילדערהייט און אומגעריכט,
און אומגעריכט דו רעדסט צו אונדז מיט רייד פון שטראָף און לויב.

מיר עסן הונגעריקע דאָס טעגלעך ברויט, וואָס דו גיסט אונדז
און פאָטערלעכע פרייד פאַרפלאַנצסטו אינעם עלנט בלוט;
קיינער זעט נישט ווי ס'ווערט שימלדיק דאָס ברויט פון קינד,
און קיינער זעט נישט ווי הייבסט־אויף איבער אונדז דיַין רוט.

גלידערדיק און קנעכטיש ליגט אונדזער אָרעם לייַב דיר גרייט
און ווען דו זעסט דיַין שטויב פאַר דיר ליגן אָט אַזוי אַליין —
דו שווערסט: זאָלן אַלע הימלען ווערן אויסגעטאָן פון פרייד,
און זאָל דאָס טעגלעך ברויט אונדז מער שוין נישט פאַרבאָטן זיַין!

צו די וואָס טראָגן צו מיר שפּאָט

איך ווייס: פֿאַרזיגלט ליגט אײַער ברוסט מיט שפּאָט און האַס צו מיר,
אײַער האַנט שלײַדערט־אָפּ דעם אָרעם, וואָס צו אײַך איך שטרעק:
איך ווייס: כ׳וועל בלײַבן שטענדיק הינטער אַ פֿאַרמאַכטער טיר
און בײַסן מײַנע פֿינגער, ווען ס׳רינט פֿון זיי אין נעבט שלאָפֿלאָזע — די שרעק.

איך ווייס: איר האָט מיך פֿײַנט מיט פֿינצטערלעכן האַס אין אײַער בלוט,
אײַער שמייכל איז צו מיר ווי ס׳אויסגערונען אויג פֿון אַ טויטן הונט;
נאָר איך, איך ווייס נישט ווו מײַן קאָפּ צו שירעמען פֿון אײַער ווּט
און וואַרעם זיך אין פֿליסטערן פֿון שרעק, וואָס יאָמערט אינעם ווינט.

מײַן גאָט! פֿאַר וואָס דאַרף איך שלײַדערן דאָס קיניגלעכע וואָרט
אין יעדער שויס, וואָס פֿלאַמט צו מיר מיט ווילדן שפּאָט און האַס;
איך ווייס, אַז סײַ ווי סײַ וועל איך בלײַבן נאָר מיט ד י ר אַליין,
דיך זוכן אין דער שטאָט, ווי כ׳זוך די היים, וואָס כ׳האָב פֿאַרלוירן ערגעץ אויף אַ גאַס.

איך ווייס: צו אײַער געלעגער קומט אין נעכט ווי צו מיר דאָס מענטשלעכע געוויין,
און הענגט איבער אײַער האַלדז, ווי אַ זוניק־ווײַסער פֿלעק.
איך ווייס: אַז גראָד ווי איך, בײַסט איר די פֿינגער, ווען איר בלײַבט מיט גאָט אַליין,
די פֿינגער, ווען עס טריפֿט פֿון זיי אַראָפּ אין נעכט שלאָפֿלאָזע — די שרעק.

ליכט אין ערדענע טעפּלער

ליכט אין ערדענע טעפּלער,
הענט פון די קינדער בײַ קעפּ.
ווען וועט דער טאָג דאָ שוין אויפגיין,
קושן די הענט פון די קינדער,
און צינדן די טונקעלע טרעפּ?

געבויגענע שולטערס אין אָוונט,
טרינקען די גלידער מיט פּײַן;
ווען וועט דער טאָג דאָ שוין אויפגיין,
לעשן די שולטערס אין אָוונט,
ווען ס׳דורשטיקט האַלדז נאָך דער פרייד,
פון טאָגיקער שײַן? —

זע, מיר אַלע דאָ זענען —
מויערן געצונדן אין אָוונט,
נעכט — פאַרבליבן אויף ראַנדן
פון שלאָפלאָז געבעט.
ווען וועט דער טאָג דאָ שוין אויפגיין
צינדן די פינצטערע מויערן,
אונדזערע אויגן אָנטרינקען
מיט ליכט צו דער זעט.

ליכט אין ערדענע טעפּלער,
הענט פון די קינדער בײַ קעפּ.
ווען וועט דער טאָג דאָ שוין אויפגיין,
און צינדן די טונקעלע טרעפּ?

צוויי פּאָרטרעטן

א. מײַן מאַמע

די מאַמע מײַנע איז הײַנט יונג און פריידיק ווי שׂרה בת־טובים,
די האָר אירע הענגען אויף איר אַקסל ווי זאַפטיק־ברוינע טרויבן;
די אויגן צינדן זיך מיט גרינע פֿײַערן פון הייליקע כּוונות,
פון דעם, וואָס מענטשן־ליפּן קאָנען נישט דערציילן און נישט לויבן.

זי האַלט אין האַנט אַ ברויט, ווי ס׳ווײַסע, פלאַטערדיקע האַרץ
פון מיר, איר זון, וואָס שטייט פאַרשעמט און גלעט איר וואָלן־קלייד;
און ווי מען גלעט אין חלום די וווּנדערלעכע ליכטיקייט פון גאָט —
האָב איך דערזען הײַנט אַנטפּלעקונגען, דעם סוד פון פּײַן און פרייד.

איך האָב אַ גאַנצן טאָג געזונגען פון מײַן יונג, רײַף־געוואָרן לעבן,
ווי אַ פויגל אויפן בוים, ווען די זון כּישופט אים פאַר טאָג מיט אירע פאַרבן;
און גלעטנדיק דאָס וואָלן־קלייד פון מײַן מאַמען, ווי פון שׂרה בת־טובים —
האָב איך דערזען דעם סוד פון וויסטן לעבן און פון הייליק שטאַרבן.

ב. מײַן טאַטע

דײַנע אויגן טריפֿן נאָך מיט זאַפֿט פֿון אַ בוים אין די לענטשיצער װעלדער,
אויף דײַן שטערן שיפֿט־זיך די װײַסקייט בלענדיקע פֿון אַ פֿרידן,
װאָס האָט די שלייפֿן דיר געקרוינט מיט דינע שטענגעלעך פֿון זילבער,
מיט עצבֿות און מיט גליקזעליקייט פֿון פֿאַרהאָרעװעטע ייִדן.

אויף דײַנע ליפּן װיגט זיך די עקשנות פֿון זיידן רבֿ שאַיעלע,
װאָס האָט אַװעקגעװאָרפֿן די ייִחוסדיקע היים און געװאָרן אַ װעבעריונג;
און װי אים האָט מען דיך, טאַטע, געקרוינט מיטן נאָמען: עם־הארץ,
און געבעטן האָסטו גאָט: זאָל כאָטש מײַן זון האָבן אַן אויפֿגעבונדענע צונג.

פֿאַרבאָרגענע, זומערדיקע ליכט־הימלען שפּרייטן זיך פֿון דײַנע הענט,
װען לייגסט זיי איבער פּנים, זוכסט באַשייד פֿון אַ װײַטן סוד;
און װי אַמאָל אין פֿינצטערע געפֿלעכטענישן פֿון די לענטשיצער װעלדער,
זע איך דיך, טאַטע. װי דו בלאָנדזשעסט מיט דײַן פֿרעמדן און פֿאַרלאָזטן גאָט.

דער איינציקער אין מײַן משפּחה

איך בין דער איינציקער אין מײַן משפּחה, וואָס בוי מיר נישט קיין היים,
דער איינציקער, וואָס כ׳בין אַוועקגעגאַנגען פון זייער אָרעמען און פּראָסטן שטאָם;
אויף מיר רוט די קללה פון אָפּטריניקייט, פון אַ פרעמדער, ווײַטער פרייד,
די שׂרפה פון אַ וועלט, וואָס האָט מיר נישט צו געבן מער קיין רו,
אין ערגעץ נישט קיין רו און פרידן פון אַ היים.

די וווּנדער פון זייער פּראָסטן גאָט, וואָס האָט אַרײַנגעלאַכט אין שטוב,
זענען אין מיר אויסגעגאַנגען ווי די ליבשאַפט צו מײַן היים;
מיך צווינגט דער אומרו צוריקשלײַדערן דער וועלט אַלץ, וואָס מענטשן האָבן ליב.
דעם פרידן פון אַ פרײַנד, אַ מילדע פרויען־האַנט, דעם גלעט פון עמעצנס אַן אויג —
און אַלץ, וואָס טראָגט דעם פרידן פון אַ היים.

אַצינד קאָן קיינער מיך נישט מער פאַרשטיין, אָ, גאָט,
פאַר וואָס איך טראָג די קללה פון אָפּטריניקייט און שפּאָט,
פאַר וואָס איך בין אַוועקגעגאַנגען פון זייער אָרעמען און פּראָסטן שטאָם
און ווי אַ בלינדער, וואָס גייט מיטן פּנים צו דער זון —
גיי איך אַהין, אַהין, וווּ ס׳איז קיין פרידן קיין מאָל נישט פאַראַן.

די ערשטע רויז 79
זעגלען פון רחמים 81
אוי, גאָט, ווי כ׳בין אָרעם 82
שטויבן־שריפט 85
הימל דערבאַרעמדיקער 86
אין אַלע פינצטערנישן 88
ברעגעס 89
דער טעפּער 91
שם המפורש 93
געשליַידערט האָסטו מיך 95
נייַע הייַזער 97
ביז צום באַרג 99
ביטערע זאַנגען 101
שטיינער 103
אין שאָטן 105
די לאָנקע 107
בלינדער מוילוואָרף 109
הילצערנער פּעגאַז 111
דאָס ליד קעגן טויט 113

וואָרצלען פון פייַער

וואָרצלען פון פייַער 117
זייִ בלאַנקען 119
כ׳פּליסטער 120
דאָס ווייַסע מעסער 122
אַלע בלעטער 123
כ׳בין געווען שוואַרץ פייַער 125
תהלים פאַר די טויטע ביינער 127
אַלע מייַנע ביימער 128
1921 129
1976 131
גרינער וואַזאָן 133
טויטע שיפן 134
דער האָלצהעקער 136
צו די געהאָנגענע 138
לעבן חלף 139
פיר מיך צוריק 141
אין סאָד פון בזיון 143
מייַן טאַטנס שטיוול 144
די האַנט 145
כ׳גיי 147
פּאָעטן 149
וואָגל 151
בייַם אַלטן פּרוכנעוואַטן טיש 152

אינהאַלט

נײַע לידער

1976—1950

צום גרויסן שטערן־וואָגן

כ׳בין צוגעקומען 11
אַזוי פיל וואַסערן 14
דער שטערן־וואָגן 16
די פליגלוואָג 18
טל פון טרערן 20
אַ וואָרט 21
דנאָען 22
גראָז 23
דרײַ 24
שטיל לעשן זיך 26
ווען אַלע טרויערן 28
אַליינקייט 30
פאַרבלאָנדזשעט 32
טריט פליסטערן 34
פון אַלע שלאַכטן 36
פאַרזונקענע דורות 38
אויפן באַרג מוריה 40
דער טויער 42
מעטאַמאָרפאָזע 44
הונגעריקע ליבשאַפט 46
דײַנע הימלען 48
פשוטע ווערטער 50
אות אין פײַער 51
אַ זעמדעלע 53

שפּיטאָל־לידער

א. באַגינען 55
ב. אָוונט 57
ג. צום שלאָף 59
ד. נאַכט 61
ה. די שוואַרצע טיר 62
ו. אָפּעראַציע־טיש 64
ז. אַסטראַלע נסיעה 67

זעגלען פון רחמים

הייליקע שפּינערינס 70
פון אַלע הימלען 72
זינגענדיקער טרויער 74
די קליינע בלום 75
אַ תּפילה 77

פון מיר ביז דיר

כ׳בין אויפגעגאַנגען 154
ווען נישט דו 156
כ׳לערן זיך אויסגיין 157
ווען איך וועל מער נישט זײַן 159
דײַן מויל 160
אור הגנוז 161
ציין 162
נאַכטליד 163
הילצערנע טרעפּ 165
באַשיץ דעם צעבראָכענעם טיש 166
אונדזער נס 167
דערמאָנונג 168
צו אַ יִידישן דיכטער 170

סטראָפן

צו אַ געפאַלענעם ייִנגלשן שאָטן 171
די באַרגוואַנט 173
אַנטואַנעט פון טולוז 175
תּימנער מיידלער 176
שוועבנדיקער גײַסט 177
צו אַ געפאַלענער שוואַלב 179
צו יוליאַן טוווים 182
בײַם אהל פּרץ 184
בײַם פּראַגער דענקמאָל 188
פּראַגער אָקטאָבער 190

עפּיטאַפן

ה. ליוויק

א. וואָס רופסטו מיך אין מיטן נאַכט 192

ב. די גרינקייט זינגט 194

יעקב גלאַטשטיין

א. זילבן 195

ב. ייִדישטײַטשן 196

ג. יעקב אבינו 197

ד. דײַן טאַטנס שאָטן 198

ה. דער חוזה 199

ו. יעקב גלאַטשטיין זינגט 200

פּרץ מאַרקיש 202
יעקב יצחק סיגאַל 204
יעקב פרידמאַן 205
אלחנן (באַנקע) וואָגלער 207
מאַני לייב 208

משה בראָדערזאָן 209
ריקודה פּאַטאַש 211

און געוואָרן איז ליכט

1949—1940

אותיות אַן שאָטן

שענק מיר דאָס געדעכעניש 215
ס'הענגט נידעריק איצט דער הימל 217
די צוואָה 218
באַלאַדע פון טאַטע־מאַמע 219
איך טראָג אין וואָרט 222
די זון פון אַש און שׂרפות 223
אין טוי־באַגינען 224
אין אַ טונקלער קאַמער 225
באַלאַדע פון די דריַי יאַדלעס 227
פון טויזנט פעלדזן 229
אין שטילקייט איז מיַין וואָרט 231
צו מיַין מאַמען 232
דאָס העמד 234
ס'דוכט מיר אָפּט 235
אונטער אַ בערגל ציגל 236
צו אַ דערמאָרדעטן יידישן פּאָעט 237
דאָס ברויט אויפן טיש 238
אַ ייִד וויינט אין זאַמד 239
דאָס לעצטע מאָל 240
טייל מאָל 241
אַ ביסל זאַמד 242
ווי אַ שיף 243
מיר האָט זיך געחלומט 244
מיַין זיידע אַנטשל 245
באַלאַדע פון מיַין פעטער דעם קברן 246
ס'וועט מער דאָ נישט אויפגיין 249
1945 250
אין קעלער 251
שימערדיק גאָלד 252
פּרץ אין געטאָ 253

צוואָה פון ליכט

צוואָה פון ליכט 255
די שיינקייט פון דער וועלט 256
פאַרגיב מיר 257
ליַיכטנדיקע שטערן 258
בונקער־באַלאַדע 259

אין יעדער צעבראָכענער זילב 264
אַ קליין ליד צום אומשטאַרביקן לי־טאַי־פּע 265

געזאַנג אין דער פינצטער

ווו וועלן מיר לייגן אונדזערע קעפּ ? 266
מיר וועלן אין מיטן נאַכט 267
מייַן טויט אויף דראָטן־צוים 268
די שטערן צינדן מיך אָן 269
הונגער 270
דער ווינט 271
שענק מיר ווידער 272
פאַר וואָס 273
כ'וועל לייגן מייַן קאָפּ 274
אין קאַרצער דערמערט 275
ליפּעס ווייַנען מיט צוויט 276
אַ ברונעם אין געטאָ 277
דאָס שניי־פעלד הינטער דראָט 278
האָסט אונדז פאַרלאָזט 279
מייַן טאַטע 280
דער לעצטער שבת־שטערן 281
רויטער מאָן 282
פיאַלעטער יולי 1942 283
אין דער וועלט אַרייַן 284
ווייַסער קאַרשנבוים 285
באַלאַדע פון שוואַרצן אָדלער 286

צו דיר — אין אַ צעריסן קלייד

א. דער טויטער ברונעם 288
ב. די אויגן דייַנע זענען גרין 289
ג. הינטער דייַן פאַרמאַכטער טיר 290
ד. כ'ווייס נישט 291
ה. יעדעס מאָל 292
ו. אַ מענטש 293
ז. צו שפּעט 294
ח. צו דיר — אין אַ צעריסן קלייד 295
ט. צוויי מענטשן 296

עוואַלען אַ ליכט

א. וואָר 297
ב. ווי אַ גריל אין גאָטס הויז 298
ג. דעם טאָג כ'וועל נישט פאַרגעסן 299
ד. אַ בריוול 300
ה. שטערן און שפּילצייג 301
ו. אַלץ געדענקט 302
ז. ליכט נאָך דייַן זעל 303
ח. דער רעגן־בויגן שטאַרבט נישט 304

ג ע ט ע־ו ו י ג ל י ד ע ר
א. מאַך צו די אייגעלעך 305
ב. נישט קיין ראַזשינקעס און נישט קיין מאַנדלען . 306
דער צאָרן אין מײַן אויג 307

מיטן פּנים צו דער זון

1921—1930

מײַנע הענט זוכן גאָט

פרייד צו די עלנטע 311
אַ וואָרט 312
בײַ אַ שוועל 313
הייליקונג אין שניי 314
די קיניגסט איבער מײַן פּראָסטן טיש 315
און ס׳קאָן דאָך זײַן אַזוי 316
פאַרהוילענע 317
ווענד אָפּ פון אונדז די לייד 318
נעכט פון אונדזער שרעק 319
מײַנע הענט זוכן גאָט 320

אַ פענצטער אין דער שטאָט

אַ מענטש הינטערן פענצטער 321
אַמאָל אין אַן אָוונט 322
כ׳בין נאָכגעלאָפן גאַנצע טעג... 323
ווינקלען 324
אַ שמייכל 325
פאַר אַ הויז 326
אַ טאָג 327
אַ הויף אין באַלוט 328
פאַראַן אַזעלכע טעג 329
אין שלאָף 330
די אויגן פון מײַן שוועסטער 331
שניי אין אָוונט 332
אָוונט אויפן דאָרף 333

מיטן פּנים צו דער זון

צו משה לייב האַלפּערן דעם קיניגלעכן פּאָעט 334
באַדלער אין דער שטאָט 337
דאָס טעגלעך ברויט 338
צו די וואָס טראָגן צו מיר שפּאָט 339
ליכט אין די ערדענע טעפּלעך 340
צ ו ו י י פּ אָ ר ט ר ע ט ן
א. מײַן מאַמע 341
ב. מײַן טאַטע 342
דער איינציקער אין מײַן משפּחה 343

ביכער פון ישעיהו שפיגל

יידיש:

מיטן פנים צו דער זון — לידער
פאַרלאַג „אַלפאַ", לאָדזש, 1930

מלכות געטאָ — נאָוועלן
פאַרלאַג „דאָס נײַע לעבן", לאָדזש, 1947

שטערן איבערן געטאָ — נאָוועלן
פאַרלאַג „ייִד. פאָלקס ביבליאָטעק" בײַ דער אָרגאַניזאַציע פון די פוילישע ייִדן אין פראַנקרײַך, 1948

מענטשן אין תהום — נאָוועלן
פאַרלאַג „איקוף", בוענאָס־אײַרעס, 1949

און געוואָרן איז ליכט — לידער
פאַרלאַג „ייִדיש־בוך", וואַרשע־לאָדזש, 1949

ליכט פונעם אָפּגרונט — נאָוועלן
פאַרלאַג „ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק" בײַם אַלוו. ייִדישער קולטור־קאָנגרעס" פאַראייניקט מיט „ציקאָ", 1955

די בריק — נאָוועלן
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב, 1963

פלאַמען פון דער ערד — ראָמאַן
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1966

שטיגן צום הימל — ראָמאַן
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב, 1966

געשטאַלטן און פּראָפילן — ליטעראַרישע עסייען — ערשטער בוך
פאַרלאַג „המנורה", תּל־אָביב, 1971

די קרוין — דערציילונגען
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1973

שטערן לײַכטן אין תהום — געזאַמלטע דערציילונגען, צוויי בענד
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1976

צווישן תּוו און אַלף — געזאַמלטע לידער
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1978

צוויי דערציילונגען (שני סיפורים, תרגם: מרדכי אמיתי)
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1978

עברית:

מלכות גיטו — סיפורים, תרגם: א. ד. שפיר, מבוא: ד. סדן
הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל־אביב, 1952

ערומים בטרם שחר — רומן, תרגם: א. ד. שפיר
הוצאת ספרית פועלים, תל־אביב, 1968

אור מעמקי תהום - ל"ו סיפורי שואה, תרגמו: א. ד. שפיר, בנימין טנא
הקדמה: ד. סדן, סוף דבר: יעקב גלאַטשטיין
הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב, 1969

מדרגות אל השמים — רומן, תרגם: א. ד. שפיר
הוצאת עם עובד, ספריה לעם, תל־אביב, 1970

הגשר — סיפורים, תרגם: נפתלי גינתון
הוצאת ספרית פועלים, תל־אביב, 1974

האשמורת השלישית — סיפורים, תרגמו: מ. אמיתי, נ. גינתון
הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל־אביב, 1976

שני סיפורים (צווי דערציילונגען), תרגם: מרדכי אמיתי
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תל־אָביב, 1978

פראַנצייזיש:

LES FLAMMES DE LA TERRE (פלאַמען פון דער ערד)
Traduit: Rachel Ertel; Editions Gallimard, 1973